STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02848

DER IBERKER

Ernst Toller

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער איבערקער

64

די אַרבעט איז אָנגעהויבן געוואָרן אין 1917, אין דריטן יאָר פון דער מענטשן־שחיטה, פאַרענדיגט אין דער מיליטערי־שער תּפיסה פעברואַר און מערץ 1918.

איבערגעזעצט אָנהייב 1920.

Copyright 1923 by Jüdischer Kultur-Verlag, Berlin.

ע ר נ ס ט ט אָ ל ע ר

דער איבערקער

דער גערא נגל פון א מענטשן

איבערגעזעצט פון דײַטש מיטן הסכם פון מחבר

פון

ש ר ה ב ר ע נ ע ר

י י ד י ש ע ר ק ו ל ט ו ר - פ א ר ל א ג / ב ע ר ל י ן
1 9 2 3

די בילדער: טראַנספּאָרט־צוגן, צווישן די דראָט־פאַרצאַמונגען, די קאַליקעס, דער שכן, טויט און תחית־המתים, דער וואַנדערער, די בערג־שטייגער, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן גע־שפּילט שאָטנדיק־ממשות׳דיק, אין אַ אינעווייניקסטער חלום־ווײַטקייט.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אייראָפּע, פאַרן אָנהייב פון ווידער־געבוירן.

די מתים־קאַזאַרמע·

אַ פֿאָרשפּיל, וואָס קאָן געמאָלט זיין ווי אַ נאָכשפּיל אויך·

פּערזאָנען פון פאָרשפּיל: דער מלחמה־טויט / דער שלום־טויט / סקעלעטן·

נאַכט· אַ גרויסער בית־הקברות· סאָלדאַטן־קברים, איינגעאָרדנט ראָטעס־וויז· יעטווידער ראָטע האָט פּשוטע, גרויע, אייזערנע קבר־צלמים, אַלע אויף איין שטייגער געמאַכט· אויף איין טייל צלמים איז אָנגעמאָלט אַ רויז, אויף אַנדערע — אַ פלאַמענדיג הארץ, נאָך אויף אַנדערע — אַ קליינער קראַנץ פעלד־בלומען· אויף יעדער צלם שטייט אָ.געשריבן מערניט דער נאָמען און דער מיליטער־טייל פונם געפאַלענעם·

אין אַ זייט פון יעדער ראָטע געפינען זיך די אָפיצירן־קברים· דאָ שטייען גרעסערע, שענערע צלמים, אַרומגעלייגט מיט פלאַמיגע זונען· אַחוץ דעם שטייט אויף יעדער צלם דער געבורטסטאָג און דער ציווילער שטאַנד פונם געפאַלענעם·

ס׳קומען צו גיין דער שלום־טויט, אַ צילינדער אויפן שאַרבן, מיט אַ בוגט־געקעסטלטן נאָזטיכל אין האַנט, און דער מלחמה־טויט, מיט אַ שטאָלענעם קיווער אויפן קאָפּ, אין האַנט אַ פוסביין — דער שטעקן פון אַ מלחמה־פירער· זיין ברוסט איז באַצירט מיט אַ סך אָרדנס·

מלחמה־טויט· נאָך אַ פּאָר טריט, הער קאַמעראַד·/ ווען איך זאָל וויסען, אז אייך איז אַזוי שווער צו גיין···/ מיין וואָרט, ס׳פּאַרדריסט מיך טאַקע אויף אַן אמת···/ עס ווילט זיך מיר, איר זאָלט כאָטש ניט חרטה האָבן·/ אָט, איך בעט אייך זייער··· איינאָרדענונג גאַנץ פּשוט·/ זיי ליגן ראָטעסווייז באַגראָבן,/ ביי דער זייט — די נידעריגע ראַנגען·/ פונקט ווי אין לעבן — סתם נומערן,/ אונזערע באַהאַרצטע העלדן·/ די נעמען — איבעריג בעצם···/ מסתם פון פּיעטעט האָט מען זיי אָנגעשריבן,/ נומערן אַליין וואָלט אויך געקלעקט·/ און אין אַ זייט האָבן די הערן אָפיצירן געפונען זייער רו···/ טאָמער אינטערעסירט אייך, וואָס זיי זיינ׳ געווען/ אין שלום־צייט··· איך בעט אייך זייער,/ אויב איר ווילט זיך מטריח זיין·

שלום־טויט. הם, הם, הם, הם! / גרויסאַרטיק, ליבער הער קאָלעגע. / גרויסאַרטיק — מיינע קאָמפּלימענטן. / איך נעם אייך שיר מקנא זיין.

מלחמה־טויט. צו פיל געלויבט, הער קאַמעראַדי. / כ'האָב ניט געקאָנט באַנעמען אייער אומצוטרוי. / אמת, איך בין געוואוינט דערצו אין בירגערליכע קריזן. / דעריבער ווילט זיך מיר אַזוי אייך איבערצייגן. / אויב איר ערלויבט, וועל איך זיי לאָזן אָנמאַרשירן.

שלום־טויט. איך בעט אייך זייער.

מלחמה־טויט. ראָטעסווייז אין פראָנט אויפמאַרשירן. / מאַרש!

פון די קברים גייען אַרויס סקעלעטן פון סאָלדאַטן און אָפיצירן, אַלע מיט שטאָלענע קיווערס אויף די קעפּ. זיי שטעלן זיך אויס אין אַ שטייפער האַלטונג פאַר זייערע קברים.

מלחמה־טויט. צו די געווער!

יעטווידער סקעלעט לויפט צו צום צלם אויף זיין קבר, רייסט דאָס אַרויס פון דער ערד און שטעלט דאָס אַוועק לעבן זיך. די אָפיצירן פירן זיך מיט זייערע צלמים, ווי מיט שווערדן.

מלחמה־טויט. שטיל! / איך בעט די הערן אָפיצירן / פאַרנעמען זייערע ערטער!

די אָפיצירן שטעלן זיך אַוועק ביים רעכטן פליגל און שטעלן זיך אויס, ווי קאָמאַנדירן.

מלחמה־טויט. גלייך געשטעלט זיך! / אויגן גלייך פאָרויס! / פאַראַד־מאַרש! / גיין אויפן אָרט! / פריי!

שלום־טויט. מיין קאָמפּלימענט! מיין קאָמפּלימענט! / אַן אורמעט און אַ שווידער נעמט מיך אָן, / ווען איך באַטראַכט זיך, / אַז איך זאָל וועלן טון דאָס אייגענע / מיט מיינע פרויען און קינדער — פאַר קאָמאַנדירן קרומע ווערטראַגנען אפשר... / אויף פאַראַסאָלן אָנגעשפּאַרט. / יאָ, הער קאָלעגע. / איך זעה, איך בין באַצוואונגען — / איר זייט פּרינציפּ, וואָס טראָגט אַריין אַ סדר. / ביי מיר איז כאַאָס.

מלחמה־טויט. זעהט, איך בעט אייך, הער קאַמעראַדי, / שוין צופיל כבוד — / אַ ביסל דיסציפּלין און דאַן געניטשאַפט / און ס'וועט שוין גיין ביי אייך. / אַלזאָ: אַכטונג. / גרופּעסווייז אויף רעכטס

אַ קער···! מאַרש!! שטיל!! רירט זיך·! ביטע, ווער איז דער עלטסטער דאָ אין ראַנג?

אַ פּאָלקאָווניק לייגט צו די האַנט צום קיווער און גייט צו מיט וואַקל־דיגע טריט·

מלחמה־טויט. אַ דאַנק אייך, הער פּאָלקאָווניק·! אַכטונג!! געווער אַראָפּ!

די אָפיצירן און סאָלדאַטן שטעקן צוריק אַריין די צלמים אין דער ערד·

מלחמה־טויט. אַכטונג!! קעפּ קייקלען!! אויף איינצולערנען זיך···! אָנהייבן!—! הער פּאָלקאָווניק, כ׳בעט אייך, אפשר וואָלט איר איבערנעמען די השגחה·

די סאָלדאַטן, הענט אין די זייטן, קייקלען זייערע שאַרבנס· דער פּאָלקאָוו־ניק גיט השגחה אויף אַלע סאָלדאַטן; די אָפיצירן — יעדערער אויף זיין ראָטע·

שלום־טויט. איר האָט דאָס צוגעקלערט אַלצדינג, קאָלעגע;! אַזוי צו זאָגן, אייער אייגענע אידעע·

מלחמה־טויט. ווי מיינט איר דאָס, הער קאַמעראַד?

שלום־טויט. איך מיין דאָס, צי דער פּלאַן איז אויפגעקומען ביי אייך אין שאַרבן־לאָך?! איך פרעג דאָס נאָר···

מלחמה־טויט. ניט אינגאַנצן, אמת···! אָבער, ווי זאָגט מען דאָס···!—איר פאַרשטייט מיך·

שלום־טויט. מיר דוכט, איך האָב אייך באַלד פאַרשטאַנען·! איך דאַרף נאָך אָבער צייט אַ קלער צו טון·

מלחמה־טויט. אויפהערן!! אַכטונג!! גאַנצער פּאָלק··· אַ קער!! אין די קבררררים!

סאָלדאַטן גייען אַראָפּ אין זייערע קברים·

מלחמה־טויט. אַ דאַנק אייך, מיינע הערן···! די אָפּשאַצונג דאָס קומענדיגע מאָל·

די אָפיצירן גייען אַראָפּ אין זייערע קברים·

שווייגן· אין עטליכע מינוט ארום פּלאַצט דער שלום־טויט אַרויס מיט אַ הילכיגן געלעכטער, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קייכנדיגן הירזשען·

מלחמה־טויט. וואָס טוט זיך דאָ· הער קאַמעראַד· / געוועזן פעלערס· / אָדער חברה איז געוועזן אָפּגעלאָזן ?

שלום־טויט הירזשעט און פאָכט מיט אַ נאָז־טיכל פון גרויס היץ·

מלחמה־טויט. הער קאַמעראַד· זייט מוחל· / געלעכטער קאָן מיין כבוד ניט פאַרטראָגן·

שלום־טויט. און מיין כבוד קאָן קיין צביעות ניט פאַרטראָגן· / מיין אומצוטרוי איז פאָרט געווען באַרעכטיגט·— / נאַר וואָס איך בין· איך האָב געלאָזט זיך נאַרן· / איך האָב מיין מלכות אָנגערופן כאַאָס· / צו שטאַרק דערנידעריגט זיך· / ביי מיר זיינ׳ אַלע גלייך· / פאַראַן חילוקים אויך· געוויינטליך— / דער געלט־וואַמפּיר איז אַ בעל־חוצפה· אָהן שום טאַקט· / נאָר אייער פּרינציפּ איז ניט פון אונזער וועלט— / איר מאַכט זיך מעשה־זיגער / און זייט באַזיגט·— / די קריג האָט אייך באַזיגט· מיין ליבער הער· / און אייך געצוואונגען· / איר שיטה איצטער דאָ צו פירן ווייטער· / מיט ראַנגען· טיטולן און פאָראורטיילן· / אַזוי צו זאָגן — פאַרוואַלטן אַ קאַזאַרמע· / אַ פעלדוועבעל זייט איר געוואָרן· / אַ טויט· וואָס וואַרפט זיך אונטער / דער דייטשער קריגס־מאַשין· / ווער האָט געקאָנט דאָס טראַכטן ! / געפּאַקט אַייך· ליבער פריינד ! / מיין עצה איז — פאָרזיכטיג·

מלחמה־טויט. חוצפה· באַליידיגונג· / אומזיסט דער ענטפער···

שלום־טויט. כ׳וואָלט וועלן מיט אַ פּאַראַדאָקס / דעם שמועס גיך פאַרענדיגן· / איר זייט אַ טויט פון היינט· / אייער פירן זיך איז גלייך צו יענעם לעבן· / וואָס פוילט שוין לאַנג / אונטער די פליטערלעך פון צירק· / קליינטשינקער טויט ! / איר צבוע׳ק מיט מיליטעריש־צוגעפוצטע פראַזן· / גריסט פון מיינטוועגן אייער האַרינטע· די קריגס־סיסטעם· / כאַכאַ ! כאַכאַ ! כאַכאַכאַכאַאַאַ !

שלום־טויט גייט אַוועק הירזשענדיג·

מלחמה־טויט. שטייט ווי געפּלעפּט· רייסט ארויס פון דער ערד א בינטל גראז· ווישט זיך אפּ דעם ביינער־שוויס פון פנים· צו אל׳ די רוחות ! מיר דוכט· איך האָב פאַרשפּילט !

די סצענע פארמאכט זיך·

ערשטע סטאַנציע.

דאָס ערשטע בילד.

פאָדערשטער פּלאַן: דאָס צימער איז פאַרמיאוסט אויפן שטאָטישן שטייגער. דער ביך־השמשות פאַרווישט די פאָרמען און טענער. אין די הייזער אויף יענער זייט גאַס צינדט מען אָן די ליכטלעך אויף די ניטל־ביימער. צוגעשפּאַרט ביים פענסטער שטייט פרידריך.

פרידריך. זיי צינדן אָן ליכט דאָרט אַנטקעגן. ליכט פון ליבע. מיסטעריעס אַנטפּלעקן זיך. אַ ליכט־ים פון ליבע... און איך בלאָנקע אום, ווי אַ פאַרשטויסענער, פון איין ברעג צום אַנדערן; פרעמד פאַר יענע דאָרט, ווייט פון די דאָ; אַן עקלדיגע טומטום־באַשעפעניש. צי איז ניט געווען אַ הויך פון רחמנות ביי איר אין שטוב, בשעת זי האָט מיך געבעטען, איך זאל קומען צו גיין? אַ דאַנק אייך, פריילײן — כ׳האָב די ערע — כ׳וועל קומען צו דער צייט. נאָך דער רעפּליקע אַ געקינצלטער שמייכל. אַ טראַגיקאָמישע פיגור.. געדונגענער צוזעהער... ניין... אַ פאַל־און־שפּרינג־מענטשעלע... לענגער וועל איך מער ניט ארומשלעפּען אין זיך די דאָזיגע צעריסנקייט. וואָס האָב איך צו די דאָ פאַר אַ שייכות! זייער בלוט פלייצט אין מיר — נו, איז וואָס? צו יענע דאָרט אַנט־קעגן באַלאַנג איך. אַ פּשוט׳ער מענטש, גרייט צו דערווייזן. אַוועק מיט דער צעשפּאָלטנקייט. ניט מער באַשיצן שטאָלץ די, וואָס איך פאַראַכט זיי. אויסגעגלייכט זיך.

מוטער גייט אַריין.

מוטער. האָסט זיך סוף־כל־סוף אומגעקערט, פרידריך. וואו ביזטו געווען אַ גאַנצן טאָג?

פרידריך. נע־ונד געווען, מוטער. נע־ונד געווען... ווי שטענדיג.

קוק מיך ניט אָן אזוי, מוטער... איך האב דאָך דיר געזאָגט, נע־ונד געווען. אזוי ווי ער, אַהאַסוועל, וואס זיין שאָטן קריכט אום צווישן די געפּענטעטע גאַסן, וואָס באַהאַלט זיך אין פעסטיגע קע־לער־לעכער און קלייבט דערנאָך פאַרפוילטע קאַרטאָפּל אויף די פאַר־פרוירענע פעלדער... יאָ, איך האב געזוכט אים, מיין גרויסן ברו־דער, וואָס איז אייביג אָהן אַ היים...

מוטער. דו זינדיגסט, פרידריך. דו האָסט דען ניט קיין היים?

פרידריך. וואו האָב איך דען אַ היים, מוטער. אָט די דאָרט אַנט־קעגן, זיי האָבן אַ היים, וואו זיי זיינען איינגעוואָרצלט. זיי זיינען איינס מיט זיך און מיט זייער ערד... פריי פון דער צעריסנקייט, וואָס צעעסט דאָס טראַכטן און פילן, ווי אַן אייטערדיג געשוויר... זיי קאָנען לאַכן און מיט אַ פריילינכן האַרצן אויפּטון מעשים. זיי האבן זייער לאַנד, וואו זיי זיינען איינגעוואָרצלט... פאַר וועלכן זיי קאָ־נען זיך מקריב זיין...

מוטער. דו האָסט היץ, פרידריך.

פרידריך. יאָ, איך האָב היץ, מוטער! אפשר וועסטו מיר געבן אַ באַרואיגונגס־מיטל? כאַ'לט איר אויך געהאַט היץ, ווי איך! אָט ביזטו געוואָרן אומעטיג, מוטער, דו עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ, וואָס איך בין ניט דער גוטער זון, וואָס שמייכלט תמיד מיט ליבשאַפט... ווי די זין פון אַלע דיינע באַקאַנטע. אַ, עס ווערט אַזוי גוט אויפן האַרצן פון די קונציג־אַראַנזשירטע פאַמיליע־בילדער אין די לייטישע הייזער!

מוטער. איך הער זיך ניט איין אין דיינע רייד, פרידריך. דו ביזט פאַר'מרהשחורה'עט און טראָגסט זיך אַרום מיט נאַרישע געדאַנקען, ווייל... ווייל דו האָסט ניט קיין פראפעסיע. איך וועל דיך ניט שטערן, ווער אַ סקולפּטאָר. נאָר פריער באַשאַף אַ פונדאַמענט, זוך עפּעס אַ תכלית. דער פעטער ריכאַרד גיט אויך דיזעלבע עצה.

פרידריך. אזוי, דער פעטער ריכאַרד גיט אויך די עצה? צי האָט ער דיר ניט דערציילט פאַר אַ משל די מעשה מיט סטרינד־בערגן, וואָס האָט זיך אין די לעצטע צעהן יאָר „אַראָפּגעשלאָגן פון דרך־הישר?" צי האָט ער ניט אַריינגעזאָגט עטליכע טראָפּנדלעך

חרטה, וואָס ער האָט פאַרבייגעלאָזט די געלעגענהייט צו ווערן אומ־שטערבליך דורך סטרינדבערגן!? ער האָט אַזאַ פיין ווערטל: „אַ מאַן פון דער ליטעראַטור־געשיכטע". יאָ, וואָלט ער דאָס נאָר גע־טון, אָט דער איידעלער בירגער! נאָר ווען ער זאָל איצט טרעפן אַ צווייטן סטרינדבערגן, וואָלט ער ווייטער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ דילעטאַנט און אַן עפּיגאָן, ער וואָלט אים געלאָזט שטאַרבן פון הונגער, און זיין אייגענע אויפרעגונג וואָלט ער איינגעשטילט מיט די שטייגנדיקע קורסן פון די אַקציעס. אַ וואוילער געשעפטס־מענטש!

מוטער. דיין פאָטער איז אויך געווען אַ וואוילער געשעפטס־מענטש.

פרידריך. איך ווייס, מוטער, יאָ, ער איז געווען אַ וואוילער. ער האָט דיך געלאָזט אַרבעטן... און דערווייל האָט ער פאַר־בראַכט זיין לעבן אין גלענצנדיקע געיעגן און פּיקניקס... דער גוטער פאָטער, אָבער מיט מיר האָט ער גערעדט וועגן אַן אָרנטליכן לעבן און וועגן מאָראַליש אויפפירן־זיך... דענסטמאָל בשעת איך האָב געוואָלט אַוועקגיין... אַרויס... האָט ער מיך געגוּיט בלייבן דאָ... ער האָט מיר פאַרשפּאַרט דעם וועג פון מיין יוגנד!

מוטער. שווייג, פרידריך... איך וועל ניט דערלאָזן, דו זאָלסט אזוי ריידן אויף דיין פאָטער. — — פרידריך, איך ווייס, דו מאַכסט דיר נאָר אַליין אָן אַ ווייטאָג מיט דיינע ווערטער... איך וועל דיך היינט ניט מאַטערן... איך וועל שפּעטער ריידן מיט דיר, ווען דו וועסט קומען צו זיך. איצט... פרידריך, איך קום מיט אַ בקשה, מיט אַ קליינער בקשה... טו וואָס דיין אַלטע מוטער בעט דיך. פרידריך, גיי צום גאָטס־דינסט. די מענטשן וועלן דאָך...

פרידריך. די מענטשן! זאָג בעסער צום דינסט פון די מענטשן, ניט צום גאָטס־דינסט. איר האָט אַ פאַרטריקנטן איינגעגעסענעם שופט, וואָס האָט אָנגעשריבן איין און איינציקן בוך פון דינים, לויט וועלכן ער משפּט די מענטשן. רק מיט דיזעלביקע טויטע פּאַראַ־גראַפן פונם דין, און פאַרטריקנטע מענטשן דינען אים. זיי זייבען מיר דערווידער, אייערע מענטשן־דינסטן, ווארים איך קאָן זיי ניט רופן גאָטס־דינסטן. צי זייט איר פרייער, ווען איר גייט אַרויס פון

אייערע גאָטס־הייזער? ניין—ניין, —און די ענגשאַפט אין אייערע גרויסע טעמפּלען—דערשטיקט צו ווערן.

מוטער. בשעת דיין פאָטער איז געשטאָרבן, זיינען מיר געווען אין אַ שלעכטן מעמד. איך האָב געקאַרגט, כדי דיך צו שפּייזן, כדי דיך צו שיקן אין קלאַס, כדי דיר זאָל זיין גרינגער ווי אונז. כדי מיט וואָס נאָר מיגליך גרינגער צו מאַכן דיר דאָס לעבן. דו מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז איך בין אַ מוטער און איך זאָרג זיך וועגן דיר. אַלץ האָב איך אַוועקגעגעבן מיינע קינדער. פאַר זיך האָב איך זיך קיינמאָל גאָרנישט ניט פאַרגונען.

פרידריך. אוי, מוטער, איך ווייס דאָך דאָס. וויינען ווילט זיך מיר, ווען איך דערמאָן זיך אין דעם. צי בין איך אַן אומדאַנקבארער זון, ניט קיין געראָטענער? ניין, מוטער, ניין. דו האָסט געזאָרגט פאַר מיר מיט געלט, דו ווילסט מיר עפענען אַ וועג, איך זאָל קאָנען פאַרדינען געלט... יאָ, מיט חיונה בין איך באַוואָרנט. אָבער וואָס האָסטו געטון פאַר מיין נשמה? האָסט מיך געלערנט פיינט האָבן די פרעמדע. פאַרוואָס?

מוטער. זיי דערטראָגן אונז נאָר. זיי פאַראַכטן אונז.

פרידריך. ניין, ס'איז ניט אמת. מילדקייט און גוטסקייט און ליבע וואַקסט ביי זיי, ליבע, וואָס נעמט אַרום אַלץ און אַלעמען. דו זעהסט דאָרט אַנטקעגן די ליכט? שטראַלן, וואָס האַלזן מיט גוטס־קייט. מוטער האָב איך דיך גערופען, ווייל דו האָסט מיך געהאַט. צי קאָן איך דיך נאָך היינט רופן מוטער, בעת דו האָסט אַרויסגע־וואָרפן מיין נשמה, ווי נאַרישע מוטערס זייער נאַקעדיג קינד.

מוטער גייט שווייגעדיג ארויס.

פרידריך. איצט האָט עפעס געפּלאַצט... אָבער צי איז דאָס ניט געווען צעבראָכן נאָך פון פריער... האָט זיך דאָס געמוזט צעברעכן... מוטער!... שטילקייט ניין, איך וועל ניט גיין צו איר... איצטער גיבן זיי דאָרט פונאַנדער די מתנות. די קינדער זינגען. ווען האָב איך קינדוויין געזונגען, אויף אַן אמת געזונגען?

דער פריינד גייט אריין.

פריינד. אַ גוטן אָוונט, פרידריך! גאַבריעלע שיקט מיך, און אַחוץ דעם האָב איך געוואָלט...

פרידריך. זאָג איר, אַז איך קאָן ניט קומען, אַז איך בין קראַנק, איך וואַרף זיך פון היץ.

פריינד. איך וואָלט דיך ניט געוואָלט איבערלאָזן אַליין.

פרידריך. נײן? אַ גרויסן דאַנק, זײער פײן, און עס קומט ניט אָן אַזוי שווער אויך, דאָס ניט איבערלאָזן אַליין. כ'בעט דיך, זעץ זיך אַוועק אָט דאָרט אַנטקעגן. אפשר וועלן מיר אויסבייטן וואָס עס איז? אַ גוט מעסערל אויף אַ קעסטל מיט צייכן־געצייג? דער צירקול איז אַפילו ניט אזוי געהויבן, אָבער עס וואַרפט זיך ניט אזוי גיך אין די אויגן.

פריינד. פרידריך! צו וואָס מאַטערסטו זיך און מיך?

פרידריך נעמט ארום דעם פריינד און טוט א כליפע.

פריינד. אָרימער פריינד!

פרידריך. איך בין ניט אָרים, איך וויל ניט דיין רחמנות. איך בין דיר מוחל דיין רחמנות, איך דאַרף דאָס ניט. און דיין שוועס־טערס רחמנות אויך ניט, גיב איר דאָס איבער. איך דאַרף ניט איר אום'כבוד, אז מען זאל זי זעהן מיט מיר אינאיינעם אויף די גאַסן, איך האָב גענוג נקבות, דאָרט אין דעם שמאָלן געסל... עס קלעקט ביי מיר קליינגעלט. איך בין אליין גענוג שטאַרק, איינער אַליין. איך דאַרף קיינעם ניט, ניט יענע און ניט אייך.

פריינד. מוז איך גיין, הייסט עס, פרידריך, נאָר דו קאָנסט דאָך מיך רופן.

פרידריך. איך רופן? אפשר רופן דיך צו־הילף? קיינמאָל ניט...

פריינד. נו, ניט דאָס האָב איך געמיינט. נאָר איידער איך גיי אַוועק — צוליב וואָס בין איך דאָס אייגנטליך געקומען... היינט ביי־נאַכט זיינען אַרויס עקסטרע־בלעטער. דער קאַמף קעגן די ווילדע האָט זיך אָנגעהויבן, דאָרטן אין די קאָלאָניעס. ס'איז אָנ־געקלעפּט, אַז פרייוויליגע קאָנען זיך מעלדן. אָ, איך וואָלט געוועזן אַ בעלן, נאָר מיינע עלטערן לאָזן ניט.

פרידריך. גלייך ווי ער וואלט זיך אויפגעכאפט. זיי לאָזן ניט? — און דאָס איז דיר געניג? דו קאָנסט דאָך דאָס ניט מיינען אויף אַן אמת... דאָרטן דאַרפן זיי פּריווילעגיע... זיי מיר מוחל, ליבער פריינד, וואָס איך האָב גערעדט מיט דיר אַזעלכע האַרבע רייד. זיי מיר מוחל אַלע בייזע ווערטער. דאָרטן דאַרפן זיי האָבן פּריווילעגיע. אַצונד קומט באַפרייאונג פון דער פאַרשטיקטע, פיינלעכער ענגשאַפט. אָ, דער קאַמף וועט אונז אַלעמען פאַראייניקן... די גרויסע צייט וועט אונז אַלעמען מאַכן גרויס... אויפשטיין וועט פון דאָס־ניי דער גייסט. גאָר די קליינליכקייט וועט ער חרוב מאַכן, אַראָפּרייסן אַלע לעכערליכע, קינסטליכע מניעות... פון־דאָס־ניי וועט ער זיך אַנטפּלעקן אין זיין אומענדליכער שיינקייט... און פאַר מיר — פאַר מיר ברענגט די דאָזיגע שעה אַ באַזונדער מתּנה... דאָרטן דאַרפן זיי האָבן פּריווילעגיע. וואָס האָב איך מורא געהאַט? איך פיל זיך דאָך אַזוי שטאַרק! אַצונד קאָן איך טון מיין חוב. אַצונד קאָן איך דערווייזן, אַז איך באַלאַנג צו זיי. — דו, וואו קאָן מען זיך מעלדן? אין ראָטהויז?

פריינד שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף יאָ.

פרידריך ליבער פריינד, עס איז דאָך מיר אַזוי גוט, אַזוי גוט. בעט ביי גאַבריעלען, זי זאָל ניט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך בין ניט געקומען. אַצונד ברענגט מיר דאָס פאָטערלאַנד אַ געשאַנק. זאָג, אַז איך האָב באַקומען אַ געשאַנק. איך אויך, אין דעם אָוונט פון ליבע. דו זעהסט די ניטל־ביימער? אין איטליכן ווינקל שטראַלט א בוים. זאָג גאַבריעלען, אַז איך דאַנק איר און איך לאָז גריסן. זי וועט מיך פאַרשטיין, פאַרוואָס איך קום ניט, און וועט זיך פרייען.

ארויסלויפנדיג מיט אימפעט איצטער קאָן איך דאָס דערווייזן דערווייזן!

עס ווערט פינסטער.

דאָס צווייטע בילד

הינטערשטער פלאַן. טראַנספּאָרט־צוגן. אַ הילצערנער אָפּטייל פון אַ פאָרנדיגן צוג, פאַרשפּאַרט מיט גראַטעס. אַ קליין בוימל־לעמפל; די פלאַם צאַנקט. צוזאַמענגעפּרעסט זיצן איינגעהויקערטע שלאָפנדיגע סאָלדאַטן. אַ שטומער סאָלדאַט (פרידריכס פּנים). אַ צווייטער שטומער סאָלדאַט מיטן שאַרבן פון אַ טויטן. ביידע שאָטנס, און פאָרט ממשותדיג.

ערשטער סאלדאט. ווי לאַנג עס קלאַפּט אַזוי דער צוג / אָ, דאָס אייביגע קריצן און האַקן / פון דער געיאָגטער מאַשין.

צווייטער סאלדאט. מיר בלאָנדזשען דורך רוימען אָהן סוף און אָהן עק / טעג און וואָכן, איך ווייס שוין באַלד ניט. / וואָלט איך געשלאָפן אין שויס ביי מיין מוטער.

דריטער סאלדאט. וואלט בעסער די שטוב דעמאָלט איינגע־פאַלן / ווען דער פאָטער האָט די פרוי אין די אָרעמס געהאַלטן.

פערטער סאלדאט. וואָלטן פון הימעל פייערדיגע מעסערס אַראָפּ / און דער׳הרג׳עט דעם מאַן / בשעת ער האָט אין וואַלד די מו־טער גענומען.

פינפטער סאלדאט. איבעריגע רייד. לאַנג שוין / פרעסט אונז פאַרשאָלטענע טרומנע. / לאַנג שוין פאַרפוילן מיר. / עיפּוש׳דיג פוילע מענטשליכע פלייש...

זעקסטער סאלדאט. פחד׳יגע קינדער / בלאָנדזשען מיר אום אָהן אַ ציל / איבערגעעטנפערט אומזיניגן מוטוויל / טייטן, הונגערן, טוען אויף געוואַלדיגע מעשים. / בלייבן פונדעסטוועגן פחד׳גע קינדער / פון אַנגסטן באַפאַלן אין דער פינסטערער נאַכט.

זיבעטער סאלדאט. אָ וואָלט איך נאָך וויסן אַ תפילה. / אַל די זיסע צערטליכע ווערטער / וואָס מיין מוטער האָט מיך געלערנט אַמאָל / פלאָנטען זיך וויסט אין אַ שווערן געשטאַמל.

ערשטער סאלדאט. אייביג פאָרן מיר.

צווייטער סאלדאט. אייביג האַקט די מאַשין.

דריטער סאלדאט· אייביג פאָרן זיך מענטשן / פון ווילדער
תאווה וואַקסט אייביג די קללה·

פערטער סאלדאט· אייביג געווינט דער טראכט פונם קדמון
מזלות· / אייביג צעשטערט זיך דער געטליכער טראַכט·

פינפטער סאלדאט· אייביג פוילן מיר·

זעקסטער סאלדאט· אייביג קינדער· פון פאָטער געשראָקן·

זיבענטער סאלדאט· פון מוטערס דער נויט פאַר אַ קרבן
געבראַכט·

אַלע· אייביג פאָרן מיר / אייביג···

די סצענע פארמאכט זיך·

צווייטע סטאַנציע.

דאָס דריטע בילד.

פּאָדערשטער פּלאַן: אַ שעה נאָכן זון־פאַרגאַנג. מדבר ביים וואַסערלאָך.

ערשטער סאלדאט. אָוונט לאָזט זיך אַראָפּ. נאָר די היץ לייגט זיך ווי אַ רייכערדיגע קאָרע — דער לייטענאַנט שלאָפט?

צווייטער סאלדאט. פאַרוואָס זאָל ער עפּעס ניט שלאָפן? מען שטעלט אַוועק אַ געצעלט — מען שפּרייט אויס אַ נעץ קעגן מאָסקיטאָס — ער אַליין שטייט דערביי ווי אַ פּריץ. הענט אין די קעשענעס — אַזוי איז אַ מחיה צו שלאָפן.

ערשטער סאלדאט. זאָלן די שררות שרייען לידער — מיר איז שוין נמאס געוואָרן.

פארוואונדעטער. וואַסער!

ערשטער סאלדאט. גיב אים! פרידריך דערלאַנגט אים וואַסער.

פארוואונדעטער. נעם צו דעם מת. מיין פוס שטויסט זיך רק אָן אויף מתים. — זיי וועלן מיר אָפּזעגן מיינע פיס? טוען וויי. — נאָר איך האָב דאָך געוואָלט ווערן אַ טאַנץ־לערער. איינס, צוויי, דריי... איינס, צוויי, דריי, אַ וואַלס דאַרף דאָס זיין.

פרידריך. שלאָף ברודער!

פארוואונדעטער. אָבער נעמט צו די מתים. איך וויל זיי ניט לערנען טאַנצן... זיי... מאַטערן... מיך... איך מוז פאָרט... קיינער וויל ניט צושפּילן... זינגט איינס... צוויי, דריי, איינס... צוויי, דריי, א וואַלס דאַרף דאָס זיין...

פרידריך. שלאָף ברודער, גיב מיר דיין האַנט, כ׳ל דיר גאָר־נישט טון. כ׳וועל באַנעצן דיין שטערן מיט קאַלטע טיכער. חלומות וועלן דיך רופן צום טאַנץ... באַקרענצטע חלומות... טאַנצן מיט דיר איבער דער לאָנקע, פארביי דיין שטוב.

פארוואונדעטער. זינגט איינס... צוויי, דריי... איינס... צוויי, דריי...

פרידריך. אָ, גאָט מיינער!

ערשטער סאלדאט. פאַרוואָס, פאר וועמען? פאַר די שררות. ברענגען צו דין ווילדע די אמת׳ע אמונה? מיט הרג׳ענען און ברענען. איך בין דאָס דער באַפרייער, הורא! לאָז זיך צע־ברעכן דעם שאַרבן דיינעם, וועסטו האָבן עולם־הבא.

פרידריך. עס מוז זיין, ס׳מוז זיין!

צווייטער סאלדאט. וואָס מוז זיין? הרג׳ענען און ברענען? משוגעים־הויז און גסיסה־פּלעצער?

פרידריך. פונם פאָטערלאַנדס וועגן!

ערשטער סאלדאט. פאָטערלאַנד! כ׳ווייס ניט פון קיין פאָ־טערלאַנד. כ׳ווייס פון שררות, וואָס הוליען, און פון אַרבעטער, וואָס לאָזן זיך שינדן.

פרידריך. ווי אַזוי קאָנט איר דאָס לעבן אָהן אַ פאָטערלאַנד? פון זינען וואָלט איך אַראָפּ פון דעם גרויל... ווען איך וואָלט ניט פאַרביסן די ליפּן, פונם פאָטערלאַנדס וועגן.

צווייטער סאלדאט. דו זאָגסט דאָס?

פרידריך. אָט פונקט ווי דו וואָלסט דאָס אויך געדאַרפט זאָגן.

ערשטער סאלדאט. האַהאַ, דו, דער פרעמדער?

פרידריך. כ׳בין ניט קיין פרעמדער, כ׳באַלאַנג צו אייך.

צווייטער סאלדאט. מעגסט טויזנטמאָל שלאָגן זיך אין אונ־זערע רייען, בלייבסט פאָרט אַ פרעמדער.

ערשטער סאלדאט. אָהן שום אינטאָנאַציע. אַ קללה ליגט אויף דיר, דו מענטש אָהן פאָטערלאַנד.

פאַרוואונדעטער. מענטש ··· אָהן ··· פאָ ··· טער ··· לאַנד ··· איינס ··· צוויי, דריי ··· אַ וואַלס ··· דאַרף דאָס זיין ···

פרידריך. אַז איר דערוועגט זיך מיר אַ שפּריץ צו טון דאָס וואָרט אויפן קאָפּ, ווי פאַרשימלטע בלאָטע, ווער איך אויסער זיך. צי האָב איך דאָס ניט דערוויזן אין שטרייטן און געשלעגן, אין פּאַטראָל און אויף וואַך־פּאָסטן — צי האָב איך זיך ווען עס איז אַרויסגעדרייט, ווי אַ פּחדן? צי פּלעג איך זיך אויסבאַהאַלטן אין היילן?

צווייטער סאָלדאַט. בלייבסט פאָרט אַ מענטש אָהן פאָ־טערלאַנד.

פרידריך. וועל איך קעמפן פאַר מיין פאָטערלאַנד — אייך אויף צו להכעיס. וואָרים ווער קאָן דאָס מיט זיין קנאה צונעמען ביי מיר — איך טראָג דאָך דאָס אין זיך.

ערשטער סאָלדאַט. *גוטמוטיג.* מוזט זיך שוין צוגעוויינען צו דעם. סוף־כל־סוף זיינען מיר דאָך אַלע אָהן אַ פאָטערלאַנד. פונקט ווי זונות.

ביידע סאָלדאַטן לייגן זיך אַנידער און ווערן אַנטשלאָפן.

פרידריך. צי טרייסלט זיך ניט די אויפגעריסענע ערד אונטער מיר? ביימער ווערן פאַרדאַרט, — דער מדבר וואַקסט — וואוהין זאָל איך וואַנדערן? איך בין אַריין אין אַ שטוב, האָבן זיי זי אונטערגעצונדן איבער מיין קאָפּ *גיט אַ לאַך.* האַ, ווי די שפּענער האָבן געקנאַקט.

דער דולער האָט זיך דערווייל צוגע׳גנב׳עט קריכנדיג.

דולער. ברודערל ···

פרידריך. ווער איז דאָ?

דולער. ברודערל ···

פרידריך. וואָס ווילסטו?

דולער. האָב קיין מורא ניט.

פרידריך. פון וואַנען קומסטו עס?

דולער. דער זאַמד פון דער מדבר האָט מיך אַ טראָג געטון אַהער.

פרידריך. דאָרטן לעבסטו?

דולער. לעבן? דאָרטן בין איך געשטאָרבן... הו, אַ סך שטאַרבן דאָרט, און דערנאָך טראָגט זיי דאָס.

פרידריך. דער זאַמד פון דער מדבר?

דולער. טרינקען!

פרידריך. נאַ, נעם וואַסער.

דולער. כ'טרינק מיין אייגענע בלוט, כ'דאַרף ניט האָבן דיינס... נאַר... שוטה... מעקענדיגער קעמל... ברודער...

פרידריך. עס גיסט זיך בלוט פון דיר!

דולער. זאָל דיך דאָס ניט אַרן, איך טרינק דאָס אויס.

צווייטער סאלדאט. וואָס פאַר אַ ליאַרעם איז דאָ?

פרידריך. מיר דוכט — — צווייטער סאָלדאַט ווערט געוואויר, אַז דער דולער איז דאָ.

צווייטער סאלדאט. דאָס איז דאָך אַ קראַנקער!

דולער. הייבט אָן פלאָנטען מיטן צונג.

ערשטער סאלדאט. אַ משוגענער. מסתמא אַריבערגעלאָפן פון יענער ראָטע.

דולער. צעווייגט זיך אַהיים... אַהיים...

צווייטער סאלדאט. פיר אים אַוועק צום מענטשן פון רויטן קרייץ.

פרידריך. גאָט מיינער!

ערשטער סאלדאט. איך בין דאָס דער באַפרייער, הוראַ! איצט גיי איך צום רויטן קרייץ. רויט איז דער טייטש, אַז דאָס בלוט זאָל אַראָפּגעוואַשן ווערן.

פרידריך. ניין, ס'מוז פאָרט זיין, פונם פאָטערלאַנדס וועגן.

דער קאַפּראַל קומט.

קאפּראל. נאָך איינער פעלט. מיר מוזן אויסשפּירן, ווי שטאַרק

עס זיינען דעם שונא׳ס רעזערוון· איינער דאַרף זיך אומקערן· דעריבער גייען פינף· ווער איז אַ בעלן פון אייך?

פרידריך· איך וויל׳ אייך צו להכעיס·

עס ווערט פינסטער·

דאָס פערטע בילד·

הינטערשטער פלאַן· צווישן די דראָט־פאַרצאַמונגען· וואָלקנס יאָגן זיך פינסטער אַרום דער לבנה· רעכטס און ליגקס דראָט־פאַרצאַמונגען, אויף וועלכע עס הענגען סקעלעטן, באַשפריצטע מיט קאַלך· — צווישן די פאַרצאַמונגען איז די ערד אויפגעריסן פון גראַנאַטעס·

ערשטער סקעלעט· ווי עלנט איך בין דאָ / די אַנדערע שלאָפן אַלע / נאָר··· עס איז מיר מער ניט קאַלט· / ווי דאַן׳ בעת איך האָב געמוזט מיין לעבן לאָזן צווישן אייגענע און שונאים· / דער קאַלך בייסט גוט· / די שמאַטעס בלוטנדיגע הויט באַלד איינגעשרומפן· / האַהאַ׳ איצט קאָן איך קנאַקן מיט די הענט·

דער צווייטער סקעלעט אין דער רעכטער דראָט־פאַרצאַמונג גיט זיך אַ הייב·

צווייטער סקעלעט· שוין ווידער רירט זיך דאָרט דער חברה־מאַן אַנטקעגן! / וואָס מוז איך זיך כסדר בייגן· / נאָר··· עסן ווילט זיך ניט· — / ווער כאַפט מיך? קאַלטע ביינערדיגע האַנט···/ לאָז אָפ· איך זאָג דיר׳ לאָז מיך אָפ· / אַניט··· וועסט זעהן···— / עס איז געווען די אייגענע האַנט· / וואָס ט׳קאַלט זיך איינגעגעסן אין דער שוועסטער·

ערשטער סקעלעט· מאַך ווייטער דאָרט דעם אָנשטעלי׳ אַל־טער פריינד· / איך וועל מיט מיינע וואַקלדיגע אברים / דיר צו־קנאקן אַ שיינעם נעגער־טאַנץ· / איצט זיינען מיר שוין ניט קיין פריינד און שונאים· / איצט זיינען מיר שוין ניט מער וויס און שוואַרץ· / איצט זיינ׳ מיר אלע גלייך· / די בונטע שמאַטעס האָבן אויפגעגעסן ווערים· / איצט זיינ׳ מיר אַלע גלייך· / מיין הער··· לאָמיר אינאיינעם טאַנצן·

סקעלעטן פון צווישן די דראָט־פאַרצאַמונגען, אַראָפּטרייסלענדיג די ערד פון די ביינער·

סקעלעטן· איצט זיינ׳ מיר אַלע גלייך· / מיין הער··· לאָמיר אינאיינעם טאַנצן·

ערשטער סקעלעט. די בונטע אָרדנס זיינ׳ שוין לאַנג צע־קראָכן. / דער טיטול שטאַרצט פון די מודעות אין די בלעטער׳ / אין שוואַרצע רענדער איינגעצאַמט / האַהאַ — טאָ לאָמיר טאַנצן.

צווייטער סקעלעט. איר דאָרט אַנטקעגן׳ וואָס אָהן פיס׳ / כאַפּט זיי! קנאַקט! / קנאַקט צו צום טאַנץ!

אלע סקעלעטן. לאַכן. איר דאָרט אַנטקעגן׳ וואָס אָהן פיס׳ / כאַפּט זיי! קנאַקט! קנאַקט־אויף צום טאַנץ!

די וואָס אָהן פיס כאַפּן די פוס־ביינער און קנאַקן. די אַנדערע טאַנצן.

ערשטער סקעלעט. האַהאַ׳ וואָס טוט זיך דאָ? / דו אַנטקעגן׳ פאַרוואָס טאַנצסטו ניט?

אלע. מיין הער... לאָמיר אינאיינעם טאַנצן!

סקעלעט אין ווינקל. כ׳שעם זיך אַזוי!

צווייטער סקעלעט. שעמסט זיך? / מיינע הערן... שאַנדי באַדעקט מיט די הענט דעם אָרט פון דער ערווה. מיר דוכט. דאָס איז אַמאָל געווען.

אלע. באַדעקן זיך אויף גיך.

ערשטער סקעלעט. דער מדבר האָט פאַרטריבן די בושה צום שוואַרץ־יאָר. / וואָס עפּעס איצט זיך שעמען? / ווילדע שוטים! / מיר זיינ׳ דאָך אַלע נאַקעט! / און הינטער נאקעדיגע ביינער / גלאָצט דער פּוסטער זומפּ.

סקעלעט אין ווינקל. ניין׳ ניט זומפּ.

ערשטער סקעלעט. ווער?

סקעלעט אין ווינקל. לעבט מאַריע...

אלע. היהי! האַהאַ! / היהי! האַהאַ!

ערשטער סקעלעט. מיין הער׳ איר זיי אַפּנים ניט אינ־גאַנצן. / מיין הער. לאָמיר אינאיינעם טאַנצן.

סקעלעט אין ווינקל. כ׳בין ניט קיין הער!

צווייטער סקעלעט וואָס דען?

סקעלעט אין ווינקל. אַ... מיידל...

ערשטער סקעלעט. מיינע הערן! לאָמיר באַדעקן אונזער שאַנד!

סקעלעט אין ווינקל. דרייצעהן יאָר סך־הכל בין איך אלט. אָבער... וואָס קוקט איר אַלע מיט די גרויסע אויגן?

צווייטער סקעלעט. מיין פריילײן, איך וועל אייך באַשיצן.

סקעלעט איז ווינקל. איז — דארף איך שוין ניט מורא האָבן? ווייל יעמאָלט זיינען אויך געוועו א סך.

ערשטער סקעלעט. ווען יעמאָלט?

סקעלעט איז ווינקל. יענע נאכט. איך ווייס נאָך היינט ניט, פאַרוואָס זיי האָבן דאָס געטון. ס'האָט אנדערש ניט געקאנט זיין, הער? קוים האָט מיך איינער אָפּגעלאָזן, איז שוין דער אנדערער געוועזן ביי מיר אין בעט.

צווייטער סקעלעט. און דערנאָך?

סקעלעט אין ווינקל. דערנאָך... בין איך דערפון געשטאָרבן.

ערשטער סקעלעט דערפון געשטאָרבן! שיינע ווערטער! פיינע ווערטער! דערפון געשטאָרבן! מיינע הערן! איר זייט נאָך אַלעמען, און האַלט נאָך אַלץ די הענט... האַהאַ..., און האַלט נאָך אַלץ די הענט...

אלע לאָזן אַראָפּ די הענט.

ערשטער סקעלעט. מיין פריילײן, אויס שאַנד! צו וואָס?... דו זעהסט דעם חילוק? מיר דוכט, דו האָסט אים קיינמאָל ניט געזעהן ווי ס'דאַרף צו זיין! נאָר היינט — אויף די נאמנות פון אַ קאַלך־באַשפּריצטן, נאָר היינט זיינען מיר אַלע גלייך. דעריבער, פריילײן, אַריין אין מיטן, איך בעט אייך זייער! א י ר ז י י ט ג ע ש ע נ ד ט..., גאָט מיינער, מ י ר ד אָ ס ג ל י י כ ן. נו, מילא וואָס? ניטאָ פון וואָס צו ריידן. אַזוי איז רעכט! יאָ, איר פאַרשטייט אַן ענין! אַהין זעצט זיך.

אַלע מאַכן אַ ראָד אַרום דעם סקעלעט אין ווינקל און גייען אַ ווילד קאַראַהאָד.

די סצענע פאַרמאַכט זיך.

דריטע סטאַנציע.

דאָס פינפטע בילד.

פאָדערשטער פלאַן, באַגינען אין לאַזאַרעט. אַ פשוט׳ער געפאַרבטער לאַזאַרעט־צי־מער. איבערן בעט — אַ געקרייציגטער קריסטוס.

דאקטאר. ר׳שלאָפט נאָך.

שוועסטער. וואַרפט זיך קרעכצנדיג, שוין דריי נעכט נאָכ־אַנאַנד. ס׳דוכט זיך אים, אַז ער וואַנדערט אין דער מדבר. רייסט זיך נאָך וואַסער. שרייט, אַז ער מוז אַרויף אויף די בערג, אויף שטייניגע שפּיצן, נאָר דער מדבר שפרייט זיך אויס און דערלאָזט אים ניט.

דאקטאר. כינין, טאָפּעלע פּאָרציע כינין, אַ נערוון־קרענק וואָלט זיך געקאָנט דוכטן. דוכטן! דוכטן! די נייע גריפּעלין־שיטה וואָלט שוין געשטעלט דעם דיאַגנאָז. טעות, טעות, גאָר עפּעס אַנדערש. וואָס? כראָנישע שלאַפקייט פון די פאַרדיי־אָרגאַנען — — דריי לעפּעלעך ריצן־אייל און אַלע אָוונט און אינ־דערפרי צו צוויי טאַבלעטקעס אַספּירין — ניט קיין אינטערעסאַנט פאַלכל, זייער ניט אינטערעסאַנט. וואו ליגט דער נייער? ער האָט געקריגן ריצן־אייל, בעת מען האָט אים געבראַכט? ניין, ניט געקריגן! שוועסטער, איך בין אין כעס. איך האָב פיינט, אַז אַ מענטש טוט ניט זיין חוב. פּרינציפּ! פּרינציפּ!

שוועסטער. ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן און פרעגן, זאָל איך אים זאָגן?

דאקטאר. געוויינטליך. געוויינטליך, קליינע אויפרעגונג. באַ־לעבט די מוסקולן אין די געדערים.

בײדע גײען אַרויס.

פרידריך. פון היץ וואו זייט איר אַנדערע··· אָ, דער זאַמד
פון דער מדבר··· נעפל אין קערנדלעך··· ניט רוען··· ווײַ־
טער··· כ׳קען דיך ניט··· ווער ביזטו··· אַהאַסווער··· אָרי־
מער··· גנב׳ע זיך אַריין צוריק··· אין געקלעמטע שטעט, דאָ זיי־
נען קיין היילן ניטאָ··· איך וועל ניט גיין מיט דיר··· ניין שרייט
ניין כאַפּט זיך אויף דאָרשט!

א שוועסטער פון רויטן קרייץ גייט אַריין.

שוועסטער. אָט איז, טרינקט.

פרידריך. דו ביזט גאָטס מוטער?

שוועסטער. איר מוזט ליגן שאַ־שטיל.

פרידריך. דו טראָגסט דעם צלם··· דער צלם איז צו דיר צו־
גענייט··· רויטער צלם··· גאָט מיינער, דאָ וואַשט מען אָפּ בלוט?

שוועסטער. מען וויל אייך געבן היילונג.

פרידריך. יאָ, היילונג. דיינע הענט גלעטן ווייך און פרום.
לאָז אַ קוק טון. ווי פאַרהאָרעוועט און האַרט.

שוועסטער. אַרבעט האָט פון זיי געברעקלט, געגראָבן ראַצן.

פרידריך. צלם־טרעגערין דו, אָנזאָגערין פון ליבע··· עס גיסט
זיך ניט פון איר קיין בלוט, דיין ליבע, זי באַגעצט מיט גע־
נעזונג די קראַנקע.

שוועסטער. אַלע, וואָס ליגן דאָ, אייך און די ווילדע.

פרידריך. נאָר די? צו ווייניג, שוועסטער, פאַרוואָס ניט די
וואָס אויפן שלאַכט־פעלד··· אַלע.

שוועסטער. זיי קעמפן קעגן אונזער פאָטערלאַנד.

פרידריך. יאָ, כ׳ווייס, ס׳מוז אַזוי זיין··· ווי לאַנג בין איך
שוין דאָ?

שוועסטער. דריי טעג, באַהאַרצטער יונגער העלד, וואָס איר זייט!

פרידריך. מען האָט דאָך מיך געהאַט גענומען אין געפענגעניש?

שוועסטער. מען האָט אייך געפונען צוגעבונדען צו אַ בוים.
דער איינציגער וואָס איז געבליבן ביים לעבן.

פרידריך· ניט צו קיין קרייץ··· דער איינציגער וואָס איז גע־בליבן ביים לעבן···

שוועסטער· איר שפּירט זיך גענוג גוט? דער אָפּיציר וויל אייך ברענגען דעם שכר·

פרידריך שווייגט·

אָפּיציר· מזל־טוב אייך, יונגער פריינד· איר האָט זיך מוסר־נפש געווען, ט'ניט געקוקט אויף די שווערסטע יסורים· דאָס פאָטערלאַנד ווייס ווי אָפּצושאַצן אייער דינסט· עס שיקט אייך דורך מיר דעם צלם· אַ פרעמדער זייט איר געווען צו אונזער פאָלק, איצט האָט איר פאַר זיך געוואונען בירגער־רעכט·

פרידריך· דער צלם? איצט באַלאַנג איך צו אייך?

אָפּיציר· איר באַלאַנגט···

דרויסן אַ טומל·

אָפּיציר· וואָס איז דאָ?

שוועסטער· מיט שמחה מיט גאָטס הילף האָבן מיר מנצח גע־ווען דעם שונא, צעהנטויזנט טויטע!

אָפּיציר· יאָ, יונגער פריינד, דער זיג קומט צו גיין מיט אימ־פּעט אין לאַנד, איר באַלאַנגט צו די באַזיגער·

פרידריך· איינער אַליין

פרידריך· ווי די שמחה טאַנצט אויף זייערע פּנים'ער· צעהן טויזנט טויטע! דורך צעהן טויזנט טויטע באַלאַנג איך צו זיי· פאַרוואָס קייקלט זיך ניט געלעכטער? אָט דאָס הייסט באַפריי־אונג? אָט דאָס איז די גרויסע צייט? אָט דאָס זיינען די גרויסע מענטשן? די אויגן אויסגעשטעלט גלייך פאָרויס· אַצונד באַלאַנג איך צו זיי·

עס ווערט פינסטער·

דאָס זעקסטע בילד.

הינטערשטער פּלאַן: די קאַליקעס. אַ גוואַלדיגער זאַל, קיין סוף ניט צו זעהן, מיט אַ נידעריגן סופיט, וואָס ליגט ווי אַ שווערע משא. אין ציילן אויסגעשטעלט בעטן, אין וועלכע עס ליגן די קאַליקעס, אָנגעטון אין גרויע העמדער. פון ערגעץ־וואו קומען אָן סאַניטאַרן.

די סאניטארן. מיר האָבן אויסגעשטעלט די בעטן — / גלייך ווי א שנור / די גראָדע ליניע ניט געשטערט. / מיר האָבען אונזער חוב געטון. / דער דאָקטאָר מעג שוין קומען / ניטאָ וואָס אָפּצולייגן דעם וויזיט.

פּראָפעסאָר אין א ברייטן געעפנטן מאַנטל, פון וואַנען עס זעהט זיך אַרויס דער עלעגאַנטער שוואַרצער סורדוט, גייט אַריין מיט זיינע סטודענטן. אויף זיין האַלז אַ שאַרבן פון אַ מת — די אויגן־לעכער טליען דורך די גאָלד־געפּאַסטע ברילן.

פּראפעסאר. יאָ, מיינע הערן. / מיר זיינ׳ באַוואָרנט קעגן יעדער גרויל / מיר קאָנען רופן זיך די פּאָזיטיווע בראַנזשע, / די נעגאַטיווע איז די וואָפן־אינדוסטריע. / אזוי צו זאָגן: מיר — פאַרטרעטער פונ׳ם סינטעז, / און אַנאַליטיש איז ביי זיי דער גאַנג. — / די הערן כעמיקער און אינזשענערן / זיי מעגן רואיג שמידן וואָפן / און אויסאַרבעטן אומגעהערטע זאַכן, / מיר ווערן ניט נתפּעל. / דעם כבוד פון דער קריג באקומען זיי / מיר אָבער, מיינע הערן, באַנוגנען זיך עניוות׳דיג מיט קליינס: / אָפּראַטעווען — דאָס איז דעם דאָקטאָרס עובדא. / נאָר איידער מיר׳ן גיין צו די פּאַציענטן, וועל איך אייך נייע אויפטוען באַווייזן / וואָס האָבן מיר זיך איינגעגעבן, / איך זאָג דאָס ניט אָהן שטאָלץ. / ביטע, פירט ארויס / דאָ פאַרן ווייסן ליילעך / די זיבן מוסטער־עקזעמפּלאַרן.

סאַניטאַרן שטעלן אַוועק אַ ווייסן קוואַדראַטישן לייוונטענעם טאָוול. איין סאַניטאַר גיט אַ וואונק. פון ערגעץ שפּרייזן, ווי אָנגעדרייטע מאַשינעס, זיבן באַקעטע קאַליקעס. זייערע קערפּערס זייגען ווי אָפּגעהאַקט. קיין הענט און פיס זיינען ניטאָ. אָנשטאָט דעם זעהען זיך קינסטליכע שוואַרצע הענט און פיס, וואָס באַוועגן זיך וואקלענדיג אויטאָמאַטיש. אויסגעשטעלט אין אַ צייל מאַרשירן זיי אַרויס און שטעלן זיך אַוועק פאַרן ליילעך.

א סאניטאר. גיט אַ קאָמאַנדע: **האַלט.** די זיבן שטעלן זיך אָפּ, עס הערט זיך דערביי אַ שטאַרקער קנאַק.

א סאניטאר· גיט אַ קאָמאַנדע: **לינקס אַ קער!** די זיבן גיבן זיך אַ קער אויף לינקס, איז דער מינוט פלאַמט אייף אַ שאַרפער לאָמפּ; עס פאַלן ווייס־גליענדיגע סנאָפּעס ליכט אויף די זיבן, וועמענס פנימער· ס׳האבן אַלע דעם זעלביגן סטערעאָטיפּן אויסדריק·

פּראפעסאר· אָט, מיינע הערן, איך בעט אייך· / אָט פון דאַנען טאַקע / קאָנט איר זיי אָנקוקן אָם־בעסטן· / די מענטשן זיינען אויפגעוועקט צום נייעם לעבען / דורך אונזער וויסנשאפט· — / פליישקלעצער זיינען זיי געווען, / איצט זיינ׳ זיי מענער פונדאָסניי· / איר האָט געזעהן, מיט וואָסער פרייד / און ס׳ארא פּינקטליכקייט / זיי האָבן דעם באַפעל ערפילט? / יאָ, מיינע הערן, מיר האָבן אומגעקערט / זיי פונדאָסניי דער מלוכה אונזערער / און אויך דער מענטשהייט! / חשוב׳ע גלידער פונ׳ם מענטשן־קיבוץ! / נאָר דאָס וואָס איך האָב אויסגעפונען איצט / היינט וועל איך אייך מגלה זיין דעם סוד· / אַן עקסטרע מעכאַניזם קאָנסטרואירט, / די מענטשן קאָנען ווידער אָפּטון זייער העכסטע פליכט· / מעטאָדע, קונציג צוגעקלערט — / פאַרמערונגס־מיגליכקייט איז איצט דערגרייכט / פאַמיליע־גליק איז נאָך באַשערט די מענער·

א סטודענט פרידריכס פנים, חלש׳ט· סאַניטאַרן גיבן אים וואַסער·

פּראפעסאר· איידל, אָבער מיט א רחמנות־שמייכעלע· איר חלשט, יונגערמאַן, ביי אונזער ליבע־אַרבעט· / טאָ וואָס וואָלט זיין אין דרויסן, אויפן פעלד פון שלאַכט·

דער סאלדאט פארדעקט זיין פנים מיטביידע הענט און גייט אוועק· גיט־ווילנדיג באוועגן זיך זיינע פיס פונקט אזוי אויטאמאטיש, ווי ביי די קאליקעס·
דער עלעקטרישער לאמפּ ווערט פארלאשן· דער פּראפעסאר, די סטודענטן· די סאניטארן ווערן פארבלאסט·
פון א בעט גיט זיך א הייב א בלינדער קאליקע·

בלינדער· זאָגט, ברידער, ס׳איז איצט אָוונט ··· / אָדער נאַכט ··· / די נאַכט מאַכט לינדער מיר דעם ווייטאָג· / די נאַכט האָט קילע, ווייכע הענט ··· / זיי גלעטן מיינע אויגן־לעכער / מיט צערטליך בלויענדיגן ריר ··· / דער טאָג — אַן אַכזרי· זון־שטראַל שטעכט· /

איך שפּיר די זון גלייך ווי אַ שוועבל־ים׳ / וואָס בייסט מיך מיט דער שאַרפער פאַרע···

אהנהענטיגער׳ קיינער הערט מיך ניט··· / איך רוף דאָך / און איך בעט אייך׳ ליבע קאַמעראַדן׳ / נאָר אַ קליינעם צורך מוז איך טון / ווער העלפט מיר׳ גיך׳ איך בעט אייך··· / אין אייגענע קויט··· זיך וואַלגערן איז אַזאַ פּיין׳

רוקנמארך־געשעדיגטער׳ וואָס מאַכט עס אויס דאָס ביסל קויט — / ביי מיר איז דאָס געוואָרן אַ רגילות׳ / איך ווייס ניט׳ בין איך נאָך אַ מענטש אָדער אַ לעבעדיגע מיסט־גרוב׳ / געליימט ביי מיר זיינ׳ די געדערים··· / און נאָר מיין האַרץ מוז קלאַפּן··· / איז קיינער ניט אימשטאַנד צו ליימען / דאָס האַרץ מיינס אויך׳ / איך ליג אין אייגענע קויט — / פאַר׳עיפּוש׳ט··· זיך און אייך אַן עקל׳ / כ׳פאַרשילט מיין הארץ — מיין זייל איז פון גרויס עקל אָפּגעשטאָרבן··· / און נאָר דאָס האַרץ ווייס פון קיין רחמים ניט··· ווען איך האָב אויפגעוואַכט׳ / האָט זיך צו מיר דער דאָקטאָר אָפּ־גערופן: / די קויל האָט נאָר פאַרטשעפּעט / דעם רוקן־מארך; איר בלייבט ביים לעבן··· / האָט ער געוואוסט׳ דער מענטש / וואָס דאָ פון מיר וועט ווערן / איז דאָס געווען אַ חוזק׳ / אַניט וואָלט ער געדאַרפט אַ מיטל געבן׳ / אַז איך זאָל פּגר׳ן / און האָט ער ניט געוואוסט / טאָ זעצט אים אין אַ משוגעים־הויז׳

פאַרוואונדעטער׳ ווען מען קערפּער עס וואַרפט זיך כסדר פון מאוימדיגע צוקונגען׳ יאָ׳ אין משוגעים־הויז׳ / גיין׳ איר ווייסט··· איך האָב אַן אַנדער מיטל··· / פאַרשפּאַרט אים אין אַ שיסגראָבן־באַהעלטע־ניש / און גיט אַ שאָס אַריין׳ / טראַך — האָט זיך אויפגעריסן דער גראַנאַט··· / איך גיב אַ קוק··· ניטאָ שוין מער קיין אויסגאַנג׳ / איך האָב געקראַצט / די ברעטער די צעשפּענדלטע מיט מיינע נעגל / געפרעסן ערד אַ פולע מויל / אַדורכצופרעסן זיך אַ לאָך צום ליכט׳ / אָ׳ אַ סך ערד האב איך געגעסן / כ׳האָב קיין מאָל ניט געוואוסט׳ אַז ערד האָט אַזאַ פיינעם טעם׳ / דערנאָך בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן··· / און אויפגעכאַפּט זיך דאָ׳ / איך וואַרף זיך אַלץ — איז דאָס די ערד׳ / וואָס כ׳האָב אין זיך אַריינגעגעסן? /

האָב איך געוואָלט / צו פרי צו ערד זיך אומקערן / און קום איצט אָפּ דערפאַר? / צי בין איך פון דער ערד אַנטלאָפן / און איר נקמה רודפט מיך אַצונד? / אַלץ וואָס איך נעם אין האַנט אַריין, פאַרגיס איך ... / וואָלט איך מיין בלוט אַזוי פאַרגאָסן, —

גאז־פאר'סמ'טער. מיין אָטעם איז אַ פייגעלע, / מאַכט תמיד פּיפּ ... / און מיינע לונגען זיינ' אַ פויגל־נעסט ... / איר ווייסט דאָס אפשר? / מען זאָגט, פאַראַן אַזעלכע שפּערלעך אויך, וואָס פליען ווינטער־צייט אַוועק אויף דרום ... פּיפּ ... / פּיפּ ...

אלע. אַזוי האָט איטליכער זיין אייגן ליד / מיר וואָלטן קאָנען זינגען דאָ אַ כאָר.

פון ערגעץ־וואו קומט אָן אַ גייסטליכער (פרידריכס פּנים) מיט דיביידע אויפגעהויבענע הענט האַלט ער אַ דמות פונם געקרייציגטן קריסטוס, אויס־שטרעקנדיג דאָס צו די קאַליקעס.

גייסטליכער. איך ברענג אייך דעם דערלייזער, / אָרימע קראַנקע / ער ווייס פון אייער פּיין און ליידן... / אָ, קומט צו גיין צו אים, איר טיף־באַדריקטע / ער גיט אייך היילונג, גיט אייך ליבע.

די קאליקעס. אויב ער איז אַזאַ שטאַרקער, / ווי האָט ער דאָס דערלאָזט?! / און אויב ער האָט געזאָגט זיין יאָ / צו אָט דעם גרויסן „פרעג מיך ניט פאַרוואָס”, / הלמאי לאָזט ער אונז לעבן? / דו זאָגסט, ער ווייס פון אונזער פּיין; / אויב יאָ, איז ער אַ שלעכ־טער, וואָס ער דערלייזט אונז ניט.

גייסטליכער. איר לעסטערט גאָט.

די קאליקעס. דערוועג זיך, אונז צו רופן לעסטערער. / ער האָט אין אונז געלעסטערט, / אויב ער וויל איינריידן, / אַז אונזער פּיין איז אים באַוואוסט! / דערוועג זיך, אונז צו רופן לעסטערער, / נאָר פריער גיב אַ קוק אויף אונז. / דיך נעמט ניט אָן אַ שוידער פון דיין אַרבעט? / גיב אַ קוק.

די קאַליקעס גיבן זיך אַ הייב אין זייערע בעטן.
דער גייסטליכער הייבט פּאַמעליך אויף דעם קאָפּ ... זיינע אויגן עפענען זיך ברייט .. ווערן פאַרגלייזט.
זיינע אויפגעהויבענע הענט צעברעכן פּאַמעליך דעם צלם. ער פאַלט אויף די קני.

גייסטליכער. וואָס פאַר אַ העזה, צו האַלטן פאַר אַ פריסטער זיך... מיר... באַרופן — וואָס פאַר אַ ווילדער איינפאַל. אַ שווי־דער נעמט מיך אָן פאַר יענע, וואָס האָבן אונז געשיקט. איך זעה דעם אָפּגרונט, וואָס דער פריסטער עפנט, און ס׳ווילט זיך שרייען: באַפרייט זיך פון די ניט־באַרופענע פריסטער. — אָ יעזוס, דיין געבאָט האָט מען פאַרדרייט — אַניט וואָלט עס דאָך ניט צע־ברעקלט זיך אָהן קראַפט, דאָ איז ניט קיין ישועה... איך זעה קיין העלן וועג פון אָט דער נאַכט, איך זעה אין ערגעץ ניט קיין העלע האַנט, גרייט אויסצולייזן אייך... אָ, ווי אַזוי קום איך צו טרייסטן אייך, בעת איך דאַרף אַליין די טרייסטונג, וואָס איך גאַר נאָך דעם נאָך ברענענדיגער איידער איר. און ווער קאָן זיך דאָס אונטערנעמען, אייך אָפּצונאַרן מיט די פרומע ווערטער, אייך, פון וועמענס אויגן ס׳זייגן אַראָפּגעפאַלן, אַלע שוואַכע שלייערס פון רחמנות. איך קאָן ניט. איך גיי פאַר אייך פאַרויס...

דער גייסטליכער ווערט פאַרבלאַסט.

די קאַליקעס. זאָל זיין מיט גליק! מיר זיינען דיר מקנא!

אין אַ לאַנגער צייט קומען צו גיין די שוועסטער.

שוועסטער. מיר ברענגען אייך רפואות, אָרימע קראַנקע..., געטראַנקען, אייער דאָרשט צו שטילן... מיר ברענגען קילע טיכער, צו לינדערן אייער ווייטאָג... מיר ברענגען ליבליכע טאַבלעטלעך, וואָס גיבן זאַנפטן שלאָף.

די קאַליקעס. וואָס טויג אונז שלאָף, איר שוועסטער..., מאָרגן קרעכצט אַ נייער טאָג..., כאַ׳לט איר געבראַכט רפואות, אונז פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער, נאַכט. מיר ווילן זיך מער ניט אויפכאַפן!, מיר ווילן זיך מער ניט אויפכאַפן!

די שוועסטער. צו פיל פאַרלאַנגט איר, אָרימע קראַנקע, הייל־לונג ברענגען איז אונזער עובדא, טייטן טאָרן מיר ניט.

די קאַליקעס. צו שפעט, איר שוועסטער, שוואַכע לאַטעס לייגט איר דאָ. פאַרוואָס האָט איר אין שלום־צייט זיך ניט גע־

שטעלט אַנטקעגן! / צו־וואָס די לאַטעס לייגן, / אַז איר
קאָנט טאַנצן / מיט פרישע און געזונטע?!

די שוועסטער. עס איז אַן עוולה וואָס איר רעדט אַנטקעגן אונז.

די קאַליקעס. אָ, גיט אַ קוק אויף אונז, / און זאָגט אַ צווייטן
מאָל, / אַז ס'איז אַן עוולה קעגן אייך. / איר ווייסט ניט, ווער איר
זייט אַזוינס, / איר ליבע שוועסטער, / טוט אָן אויף זיך אַבלים־קליי־
דער, שוואַרצע שלייערס — / רופט אייער אַרבעט ניט
קיין מענטשן־ליבע, / רופט אייער אַרבעט — נע־
בעכדיגע לאַטעס לייגן.

די שוועסטער הייבן אויף די קעפּ. אַ געשריי, וואָס מאכט ציטערן, רייסט
זיך אַרויס פון זייערע ליפּן. זיי פאַלן פון די פיס. ווערן פאַרבלאַסט. עס
ווערט פינסטער. דער עלעקטרישער לאָמפּ גיט אַ פלאַם אויף. פאַר'ן ליי־
לעך שטייען פון־דאָס־ניי די זיבן קאַליקעס, און פאַר זיי דער פּראָפעסאָר,
די סטודענטן, די סאַניטאַרן.

פּראָפעסאָר. עס טרעפט זיך זעלטן אַזאַ גליק — / אַז אַלע פאַלן
זאָלן זיין אַזוי צוזאַמען. / די קראַנקע וועלן מיר באַקוקן מאָרגן.
איך חזר איבער, וואָס איך האָב געזאָגט אין אָנהייב! / מיר זיינ'
באַוואָרנט קעגן יעדער גרוילי. / מיר קאָנען רופן זיך — די פּאָזיטיווע
בראַנזשע, / די נעגאַטיווע איז די וואָפן־אינדוסטרי. / אַזוי צו זאָגן:
מיר — פאַרטרעטער פונם סינטעז, / און אַנאַליטיש איז ביי זיי
דער גאַנג.

די סצענע פאַרמאַכט זיך.

פערטע סטאַנציע.

דאָס זיבעטע בילד.

אין דער פרי. אַטעליע, פרידריך אַרבעט אויף אַ סטאַטוע פון איבערמענטש־ליכער גרייס: אַ נאַקעטער מענטש, דורכאויס מוסקולן, מיט געפּרעסטע פויסטן. אין א שטעלונג, וואס מאכט א ברוטאַלן איינדרוק.

פרידריך. אַרבעטנדיג. נאָך עקשנ׳ט זיך דער שטיין. מיין האַנט פּאַקט דעם שניץ־אייזן, נאָר זי מאַכט אים ניט גליען. דער שניץ־אייזן ברעכט מערמל־שטיין... טויטן מערמל־שטיין. צי בין איך צו שוואַך אָנצופילן שטיין מיט בלוט. אויב אַזוי, איז גענוג געאַרבעט... ניט קיין מצבה וויל איך שאַפן... היציגע כוואַליעס זאָלן פלייצן פון דעם... אויפטרייסלענדיג מענטשן... זיי זאָלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן צו פאַרטיידיגן זייער פאָטערלאַנד... זיי זאָלן זיך אַ הייב טון און שטעלן זיך אַנטקעגן... שטעלן זיך... אַנטקעגן... וועמען? אנטקעגן דעם שונא. ווער פסקנ׳ט אָפּ, אַז יענער זאָל זיין דער שונא?... צי איז פאַראַן עפּעס אַ גייסטיגער כוח וואָס טרייבט צום קאַמף?... אָדער אַזוי זיך, פון העלער הויט, זוכט מען זיך אויס אַ שונא?... אָט דאָ שפּרייט זיך אויס אַ סתירה —.— פאַרוואָס גיט זיך מיר דאָס ניט איין?... די אויפגאַבע בלייבט דאָך גרויס, ווי געוועז... אפשר בין איך צו קליין אויף צו פאַרענטפערן זי?... וועל איך ניט אַדורכדרינגען דורך דעם אייזערנעם פאַנצער? דער פאַנצער איז צו פעסט?

דער פריינד קומט צו גיין.

פריינד. אומרואיגקייט האָט מיך געטריבן אַהער. דו אַרבעטסט. נאַרישע געדאַנקען זיינען געקראָכן דורך מיין מוח. נאָר אַצונד וועל איך גיין.

פרידריך· דו גוטער, בלייב, דו שטערסט מיך ניט·

פריינד· באַלד ענדיגסטו דיין ווערק· לאַנג האָט געדויערט די אַרבעט·

פירדריך· אַ יאָר· וואָס מאַכט דאָס אויס· אויף צו שאַפן אַ סימבאָל פונם זיגערישן פאָטערלאַנד, פון אונזער פאָטערלאַנד·

פריינד· דו ביזט נאָך אַלץ אין ספק ?

פרידריך· צי מיר האָבן דאָס זעלבע פאָטערלאַנד, ניין — נאָר···

פריינד· נאָר ?

פרידריך· צי וואַקסט ניט עפּעס העכערס· און איך וויל דאָך דאָס גאָרניט וויסן· וואָרים ווען איך זאָל דאָס וויסן, וואָלט איך מער ניט פאַרהאַלטן מיין גורל, איך וואָלט געוואָרן — אַהאַסוועּר !

פריינד· און גאַבריעלע ? צי וואָלט זי דיך געלאָזט וואַנדערן ? צי וואָלסטו ניט אין איר געפונען אַ תיקון ?

פרידריך· די קאַמפן גרייכן ווייטער ווי די פרוי· אפשר ווייטער ווי מיר גופא·

פריינד· גאַבריעלע וואָלט געווען אומגליקליך·

פרידריך· גאַבריעלע איז שטאַרק·

פריינד· יאָ, זי איז שטאַרק·

פרידריך· מיר קומען איינס צום אַנדערן מיט שטאָלצער פרייד·

פריינד· איר שטאַרקע !

פרידריך· מיר שטאַרקע !

פריינד· זיי געזונט !

פריינד גייט אַרויס·

פרידריך אַרבעט· עס הערט זיך אַ קלונג· פרידריך עפנט·

פרידריך· דו ! ליבסטע !

גאַבריעלע גייט אַריין, זי פּרובט אַ שמייכל טון·

פרידריך· עס איז דיר אומעטיג, ליבסטע ? איך וואָלט געבעטן ביי אַ ליכטיגער פעע, זי זאָל פאַרקערן מיינע גראָבע פויסטן אין

זומער־פֿייגעלעך, זיי זאָלן צונעמען ביי דיר דעם אומעט, וואָס טונקלט שאָטנס אויף דיין ווייסן שטערן. איך וואָלט געוואָלט מיט דיר אַ שטיף טון אַהין צו די קופּעס זאַמד, וואו קינדער שפּילן זיך, און לויפן מיט דיר איבער הויכע בערג, וואָס אויף זייערע שפּיצן וואַנדלען מיר אום. ביי־נאַכט וויל איך שפּרייזן דורך פֿאַר׳חלום׳טע שטעט, יאָגן זיך נאָך דיר אין מאָנפעלדער, כדי צו קושן דיך מיט פֿרייד — נאָר דו שווייגסט, ליבסטע? דו שמייכלסט אפילו ניט.

גאַבריעלע. געוויין, וויל זיך אַרויסרייסן פֿון מיר — און קאָן פֿאָרט ניט.

פֿרידריך זעצט זיך שטיל אַוועק לעבן איר און נעמט אירע הענט.

גאַבריעלע. איך וועל אַוועקגיין פֿון דיר.

פֿרידריך. *חזר׳ט איבער, גלייך ווי ער וואָלט דאָס געוואוסט פֿון פֿריער.* דו וועסט אַוועקגיין פֿון מיר. *גלייך ווי ער וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט, גיט אַ געשריי* דו... וועסט... אַוועקגיין... פֿון מיר?...

גאַבריעלע. ס׳מוז אַזוי זיין.

פֿרידריך. איבער מיר?

גאַבריעלע. איבער דיר אויך.

פֿרידריך. האָסט מיך נאָך ליב?

גאַבריעלע. איך האָב דיך ליב, ווי אַ פֿרוי האָט ליב אַ מאַן וואָס זי וואָלט וועלן פֿון אים, אַז ער זאָל זיך אין איר אַריינגיסן אַזוי ווי אַ רוישיגער שטראָם, וואָס זי וואָלט וועלן, אַז ער זאָל זיין דער פֿאָטער פֿון איר קינד...

פֿרידריך. און פֿונדעסטוועגן...

גאַבריעלע. בעת מיין פֿאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט זיך אָפּזאָגן פֿון מיר, אויב איך וועל חתונה האָבן פֿאַר דיר, איז מיר געווען אַזוי ווי שניילעך וואָלטן פֿאַלן אויף מיר, וואָס אי זיי קילן אי זיי ברענען. איך פֿלעג קומען צו דיר און שמייכלען. נאָר מיין פֿאָטער פֿאַרמאָגט אַ שטיקל ערד. פֿון דאָרטן וויל ער מיך אַרויס־שטופּן. קיינמאָל וועל איך מער ניט טאָרן שטעלן אַהין אַ פֿוס, ניט

טאָרן זעהן מער דאָס שטיקל ערד. און איך בין צוגעבונדן צו דעם מיט מײַנע קינדערשע פֿאַרלאַנגען, איך בין אײַנגעוואָרצלט אין דעם מיטן בלוט פֿון מײַן האַרצן, און איך האָב געקעמפֿט איבער דעם אַ סך טעג און נעכט. און הײַנט איז מיר קלאָר געוואָרן. איך קאָן דאָס שטיקל ערד ניט מפֿקיר זײַן.

פֿרידריך. דו שטאַרקע!

גאַבריעלע. אפֿשר ווײַל איך בין אַ שטאַרקע.

פֿרידריך. און איך בלײַב... נײַן איך האָב דאָך אויך געלאָזן וואָרצלען, איך האָב דאָך אויך אַ שטיק ערד, וווּ איך בין אײַנגעוואָרצלט מיטן בלוט פֿון מײַן האַרצן. רויט געפֿאַרבט איז פֿון דעם די ערד. מײַן שטיק ערד איז אונזער פֿאָטערלאַנד. דאָס גאַנצע גרויסע פֿאָטערלאַנד. דו ביזט א קלײנע, גאבריעלע, דו ביזט קלײן.

גאַבריעלע. אפֿשר... זײַ געזונט!

גאַבריעלע גייט אַרויס.

פֿרידריך. זײַ געזונט, דו שטאַרקע! איצט איז בין־השמשות אַרום מיר, אײביגער בין־השמשות, דער טאָג אַ גילדענער אַראָפּגעגליטשט זיך אין ווײַטן ים, די נאַכט חלומ׳ט אין פֿעלזן־שפּאַלטן, וווּ ס׳שפּילן שוואַרצע פֿליטערלעך, און וועט שוין קײנמאָל מער ניט קומען צו גײן. גאַבריעלע! וואָלסטו מיך אַן אומגליקליכן איבערגעלאָזן, וואָלסטו צוגענומען בײַ מיר דעם גלויבן אין דיר. נאָר דו צעטרײסלסט דעם גלויבן אין מיר גופֿא.

זון־שטראַלן פֿאַלן אויף דער סטאַטועַ.

פֿרידריך. דו דערמאָנסט מיך? / דער נצחון פֿון פֿאָטערלאַנד, / איך גלײב אין אים, / איך וויל אים גלײבן, / איך וויל אים פֿורימען, / מיטן בלוט פֿון מײַן האַרצן וועל איך אים פֿורימען.

פֿרידריך אַרבעט. אויפֿן הויף שפּילט אַ קאַטערינקע, פֿרידריך גייט צום פֿענסטער, דערנאָך אַרבעט ער ווײַטער. אַ קלונג. פֿרידריך עפֿנט. עס גייט אַרײַן די אינוואַלידן־פֿרוי, אָרים, אָפּגעריסן.

אינוואַלידן־פֿרוי. אַ נדבה פֿאַר קריגס־אינוואַלידן. פֿרידריך וויל איר געבן אַ מטבע, באַקלערט זיך.

פרידריך· איר זייט אויך אַ קריגס־אינוואַלידין?

פרוי· *וויינט* איך דאַרף אייך נאָך וועגן דעם דערציילן? *וויזט אים אירע הענט, וואָס זיינען צעפרעסן פון געשווירן·*

פרידריך· אָרימע פרוי·

פרוי· זיי האָבן זיך געדרייט אַרום מיר, ווי שאַקאַלן, די אַנדערע און די אונזעריגע··· וואָס זיינען זיי שולדיג? מען האָט זיי אַרויסגעפירט ווי בהמות אין די שטייגן· וואָס ווייסן בהמות פון אייערע גוטע מידות? וואָס קאָנען בהמות פון דעם וויסן? און וואָס ווילן בהמות פון דעם וויסן? און דאָ האָב איך דאָס געפאַקט – פון איינעם – אַ קראַנקן, אַ צעעסענעם – האָב איך זיך אָנגענומען· ציער איז געווען אַ שלעכטער, פון וואַנען זאָל איך וויסן· איר רופט זיי דאָך העלדן· ביי אייך זיינען זיי דאָך אַלע העלדן, די אָרימע בהמה׳לעך, וואָס גייען צו דער שחיטה·

פרידריך· פרוי, מיר האָבן דאָך דאָס געמוזט טון פון אונזער פאָטערלאַנדס וועגן·

פרוי· פון אייער פאָטערלאַנדס וועגן! פאַר די פאָר גבירים, וואָס הוליען און הוליען און זויגן אונז אויס, וואָס שפּילן זייער גאַלאַנטע שפּיל מיט אונזער האָרעוואַניע· אוי האָב איך זיי פיינט, די תלינים· איך קען דאָך זיי, כ׳בין דאָך אויך געווען פון די זייעריגע· זייער גאָט בענטשט די מעשים זייערע, זאָגן זיי· וואָס איז דאָס פאַר אַ גאָט, וואָס לאָזט אונז אויסגיין פון דלות? וואָס מאַכט חוזק פון אונז, זאָגנדיג „אַז וואויל איז צו די אָרימע, ווייל זיי וועלן זוכה זיין צו עולם־הבא״· דער גאָט פון ליבשאפט און פון רחמים און פון צדקה־בעלער· ווען איך גנב׳ע זיך אַזוי פאַרביי די באַלויכטענע באַל־זאַלן, דוכט זיך מיר אָפּ, אַז זייער גאָט איז אַ דיריזשער און וואַרפט קאָנפעטי אויפן עולם· שאָף זיינען מיר··· נאָר שאָף··· רק שאָף···

די פרוי איז בליפענדיג אַנידערגעפאַלן אויף אַ שטול·

פרידריך· *אין אַ ווײַלע אַרום·* אייער מאַן איז געווען אויף מלחמה?

פרוי· יאָ, דאָרט אין די קאָלאָניעס· מיין שיינער מאַן·

פרידריך· אפשר וועט איר אים אַריינפירן אַהער?

פרוי. איר ווילט? איר וועט זיך דערשרעקן. איר וועט מער ניט קאָנען אַרבעטן. ער האָט ניט קיין פיינעם אויסזעהן, מיין מאַן. די קרענק פרעסט ווייטער וואָס פון יאָר. אויב איר ווילט ניט אַנדערש, מיין הער... דאָס איז דערזעלבער, פון וועלכן איך האָב זיך אָנגענומען.

פרוי גייט אַרויס. קערט זיך אים מיט איר מאַן, וואָס טראָגט אַ קאַטערינקע. דאָס פנים איז ביי אים צעפרעסן פון געשווירן.

פרוי. דאַרפסט זאָגן גוט־מאָרגן, מאַן.

מאן. שטאַמלט. יעזוס... מיט... אייך.

פרידריך קוקט אים אָן אַ ווײַלע און ווערט פאַרציטערט.

פרידריך. דאָס ביזטו, קאַמעראַד? אָרימער קאמעראַד!

מאן. דערשראָקן. יעזוס... מיט... אייך.

פרידריך. ניין, שרעק זיך ניט, ליבער אָרימער קאַמעראַד. דו, איך בין דאָך דאָס, פרידריך, וואָס איז געווען מיט דיר אין איין ראָטע, וואָס איז דורכגעגאַנגען מיט דיר דורך גליענדיגע מדבריות, וואָס האָט געליטן מיט דיר דאָרשט און הונגער. געדענקסטו, בעת מען האָט געפרעגט, ווער עס איז אַ בעלן גיין אויסקוקן דעם שונא׳ס כוח? מיר ביידע. איינער איז געווען אַן איבעריגער. מיר האָבן געוואָרפן גורל. ס׳איז אויסגעפאַלן אויף מיר. דו געדענקסט דאָס, ליבער קאַמעראַד?

מאן. צעוויינט זיך מיט ביטערע טרערן.

פרוי. מיין הער, אומזיסט אייער ריידן צו אים. ער געדענקט קיין זאַך ניט. ער וויינט, ווייל ער מיינט, אַז ער דאַרף וויינען. אַזוי פיל קאָן ער נאָך באַקלערן. אָבער חוץ דעם... דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איך וועל אים באַלד מוזן אַוועקפירן. נו, איצט האָט איר שוין געהאַט אַ ספּעקטאַקל? איצט מעגן מיר שוין גיין?

פרוי נעמט דעם מאַן, וואָס האַלט אין איין יאָמערן, און פירט אים אַרויס.

פרידריך. איך גיי אַראָפּ פון זינען. — וואואַהין? וואו ביזטו אַהאַסוועך, איך זאָל קאָנען נאָכגיין נאָך דיר? מיט פרייד וועל איך נאָכגיין נאָך דיר. נאָר אַוועק פון דאַנען. מיליאָנען אָפּגעהאַקטע

הענט ציִען זיך אויס דאָ אַרום מיר· שמאַרציגער בריל פון מיליאָנען מוטערס ברויזט דורך די ווענט· וואואַהין· וואואַהין· דאָרט כליפּען ניט־געבוירענע קינדער, דאָרט וויינען דולע· אָ הייליגע טרערן! געשענדעטע שפּראַך! געשענדעטע מענטשן!··· פונם פאָ־טערלאַנדס וועגן··· גאָט מיינער··· צי קאָן אַ פאָטערלאַנד פאָדערן אַזוינס? אָדער צי האָט דאָס פאָטערלאַנד זיך פאַרקויפט דער מלוכה? און די מלוכה ספּעקולירט מיט דעם אין שמוציגע גע־שעפטן? צי איז די מלוכה געוואָרן אַן אַלפאָנס און דאָס פאָ־טערלאַנד — אַ גאַסן־הור, וואָס פאַרקויפט זיך צו יעדער ברוטאַלער תּאַווה? געבענטשט פון דער קירך דער מענטשן־מעקלערקע? צי קאָן זיין געטליך אַ פאָטערלאַנד, וואָס פאָדערט אַזוינס? צי איז עס ווערט, מען זאָל אים ברענגען די נשמה פאַר אַ קרבן? ניין און טויזנט מאָל ניין· בעסער וועל איך נע־ונד זיין, נע־ונד זיין אָהן אָפּרו, מיט דיר, אַהאַסווער!

גיט זיך אַ וואָרף צו דער סטאַטוע·

א י ך צ ע ב ר ע ך ד י ך, נ צ ח ו ן פ ו ן פ אָ ט ע ר ל אַ נ ד·

ער גיט אַ כאַפּ אַ האַמער און צעברעכט די סטאַטוע אויף שטיקער· ער קווילט זיך צוזאַ־מען· אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער זיך אַ שטעל אויף· איצט מוז איך נע־ונד זיין דורך מדבריות, אָהן אָפּרו, אייביגליך··· איך קאָן ניט, אַן עקל כאַפּט מיך אָן פאַר זיך· גאַבריעלע וואַרפט אַוועק איר מאַן צוליב דעם שטיקל ערד··· איך פעלש אין מיין פאָטערלאַנד, אין וועלכן איך האָב געגלויבט, פאַר וועלכן איך האָב זיך מוסר־נפש געווען, פאַר וועלכן איך האָב געוואָלט שאַפן מיין לעבנס־ווערק — צוליב אַ פאָר שלעפּער· ניין, געוויס ניט צוליב אַ פאָר שלעפּער··· געוויס ניט פעל־שונג און פאַרראַט··· מיט דעם וועג וויל איך ניט גיין· ער גייט דורך רעגנדיגע נעכט, דורך פאַר׳עיפוש׳טע גאַסן, פירט אַרויס אין מדבריות· זיי געזונט, גאַבריעלע!

ער גייט צו צום שרייבטיש, נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער· דורך דער טיר, וואָס איז געבליבן אָפן, גייט אַריין די שוועסטער· זי זעהט די צעשמעטערטע סטאַטוע און פרידריכן·

פרידריך· צו שפּעט געקומען·

שוועסטער· איך בין געקומען צו דער צייט·

פרידריך· מיין וועג איז פאַרשאָטן·

שוועסטער· דיין וועג פירט דיך אַרויף·

פרידריך· צוריק צו דער מוטער?

שוועסטער· העכער· נאָר צו דער מוטער אויך·

פרידריך· צוריק צום פאָטערלאַנד?

שוועסטער· העכער· נאָר צו דיין לאַנד אויך·

פרידריך· איך זעה דעם וועג ניט· איך בין געבלענדט·

שוועסטער· לאָז מיך שיצן דיינע אויגן· וועסטו זעהן· דיין וועג פירט דיך צו גאָט·

פרידריך· האַהאַ· גאָט דער דיריזשער· וואָס וואַרפט קאָנפעטי אויפן רייכן עולם·

שוועסטער· צו גאָט, וואָס איז גייסט און ליבע און כוח· / צו גאָט· וואָס לעבט אין דער מענטשהייט· / דיין וועג פירט דיך צו די מענטשן·

פרידריך· צו די מענטשן··· / איך בין דאָס ניט ווערט·

שוועסטער· פיל ווערדעס נאָך· וואָס דו האַלטסט היינט פאַר ווערדעס· / וועסטו אַראָפּוואַרפן פון זיך· ווי מאַסקעס· / ווער ווייס גאָר· וואו דו וועסט אַמאָל געפינען דיין אמת׳דיגע ווערדע· / ווער עס וויל גיין צו די מענטשן· / דאַרף פריער געפינען דעם מענטש אין זיך· / דער וועג· וואָס איך הייס דיר גיין אַצונד· / ער פירט דורך אַלע טיפענישן· אַלע שפּיצן· / דורך נאַכטיגן געצווייג וועסטו זיך מוזן דורכשלאָגן אַ וועג· / געצווייג· וואָס שוטים רופן אָן פאַרברע־כעריש· / נאָר דו ביזט איצט אַליין באשולדיגער און ריכטער·

פרידריך פאַרגראָבט זיין פנים אין די הענט· דערנאָך שטעלט ער זיך אויף גלייך ווי דער קאָפּ וואָלט אים שווינדלען און שפּרייט פונאַנדער די הענט·

פרידריך· זון כוואַליעט אַרום מיר· / פרייהייט פלייצט דורך מיר· / מיינע אויגן זעהען דעם וועג· / איך וועל גיין מיט דעם וועג· שוועסטער· / אַליין· און פאָרט מיט דיר· / אַליין· און פאָרט מיט אַלעמען· / וויסנדיג דעם מענטשן·

די סצענע פאַרמאַכט זיך·

פינפטע סטאַנציע.

דאָס אַכטע בילד.

הינטערשטער פּלאַן. דער שכן. נאַכטיגע שלאָף־קאַמער פון אַ גרויסן שטאָטיגן בנין. אין די צוויי בעטן פרוי, קינדער, שכן (פרידריכס פנים).

שכן צו דער טאָכטער. ווער קאָן דאָס שלאָפן ביי אַזאַ געקרעכץ, / כ׳וועל דאָס ניט אויסהאלטן. / קום, ווי אַ פוכיג־ווייכע הויב / וועל איך אויף זיך דיך אָנטון.

טאָכטער. בלייב דאָ... איך לאָז דיך ניט אַוועק... / זינט עס איז דאַן געקומען די ידיעה, / אַז דער גרויסער האַמער האָט אים צעמורשט, / קרעכצט זי נאַכט פאַר נאַכט. דאָס עלפטע קינד, וואָס זי האַט נאָך געטראָגן / האָט זי אַרויסגעבראָכן — טויט געוויינטליך. אַ גליק איז דאָס. / איך וואָלט אַליין געמוזט די וויקעלעך וואַשן, / פאַר אַ דינסט וויל קיינער זי ניט האַלטן, / ווייל מיטן אין דער אַרבעט / נעמט זי גאָר טאַנצן, שפּרינגען, זינגען, / און שפּעטער נעמט זי זאָגן פרומע תּפילות... / דאָס פלעשל לאָזט זי ניט אַרויס פון האַנט. / און ווער דאַרף זאָרגן פאַר די קליינטשינקע... / נאָר איך. / און אין פאַבריק מוז איך דאָך אויך גיין. — / איך בעט דיך, בלייב, אַלץ וועל איך טון, וואָס דו פאַרלאַנגסט...

שכן. יאָ, איך בלייב. / מיר דוכט, זי האַלט מיך צו דאָ / מיט אירע קולות און געוויין — / זי האָט געלאָזן, דו זאָלסט ווערן אַ הור?

טאָכטער. זי פלעגט נאָך שאָקלען מיטן קאָפּ, / בשעת דער פריי־ערדיגער שכן פלעגט מיך שלאָגן... / ביזט ברוגז אויף מיר דערפאַר?...

שכן. נאַרישקייט, ווי קומט דאָ ברוגז... / וואָס ביזטו שולדיג, / אַז ער האָט דיך געניויט... / נאָר, ווייסטו, עס פאַרפאָלגט מיך תּמיד:

/ איך האַלט דיך אין די אָרימס / און פּלוצלינג גיט זי אַ געשריי
און קרעכצט· —

טאַכטער· מען מעג מקנא זיין די קינדער· / ביי־טאָג שלאָפן זיי פון הונגער· / ביי נאַכט פון מידקייט און פון שמוץ····· / אין יתומים־הויז / וואָלט בעסער זיין פאַר זיי·

שכן· מען קאָן דאָך ניט···

טאַכטער· יאָ· כ׳האָב דאָס נאָר געטראַכט אַזוי זיך·

שכן· זי שאָקלט מיטן קאָפּ· / ווען אַ מנוול שלאָגט איר טאָכטער· / און קרעכצט און שרייט· / ווען די טאָכטער אירע / נעמט מיך אַרום· / ווי האָסטו געזאָגט······· יתומים־הויז··· / יתומים־הויז···

די שטוב ווערט פאַרזונקען אין חושך·

שכן· אין חלום· יתומים־הויז··· יתומים־הויז···

שטילקייט·

שכן אין חלום· איצט וועט זי שוין ניט שרייען און ניט קרעכצן··· / איצט ביזטו צופרידן··· / איצט קאָנסטו זיי אַוועקגעבן אין אַ יתומים־הויז··· / יתומים־הויז···

דער נאַכטיגער גאַסט גייט אַריין; אַרום דעם שאַרבן פון אמת האָט ער אַרומגעבונדן אַ גראָבע שאַל·

נאַכטיגער גאַסט· שכן· שטיי אויף / צייט צו גיין צו דער אַרבעט·

שכן· יאָ· איך גיי שוין·

נאַכטיגער גאַסט· אייל זיך צו····

שכן· דו וועסט מיך פירן?

נאַכטיגער גאַסט· קום· לאָמיר גיין· / מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן·

פאָספאָרירנדיגע בינטלעך פלאַקערן אַרום דעם נאַכטיגן גאַסט און דעם שכן· וואָס שטייט פאָרנט אין זיין אַרבעטס־בלוזע· דער נאַכטיגער גאַסט נעמט אים אונטערן אָרעם·

נאַכטיגער גאַסט· זעהסט שוין דאָס הויז?

שכן. דאָרט אַנטקעגן פלאַמט דאָס אויף... , ווי מאָדנע.... דו פירסט מיך אויפן גלייכן וועג?

באַכטיגער גאַסט. איך פיר דיך אויף דעם גלייכן וועג – דעם קרומען וועג! דעם גלייכן וועג!

שכן. ניין, דאָס אי׳ ניט קיין פאַבריק.

באַכטיגער גאַסט. שטרענג אָן די אויגן, וואָס דען איז דאָס?

שכן. אַ תּפיסה דוכט זיך... , ווי עס גלאַנצט דער דאַך!, מיר דוכט, מיט רענדלעך גילדערנע איז ער ברוקירט.

באַכטיגער גאַסט. אמת! אמת! וואָס זעהסטו נאָך?

שכן. הויכע מויערן, פון וואַנען ס׳שטאַרצן אייזן־שפּיזן, און לע־כער – איינגעגראַטעט.

באַכטיגער גאַסט. אמת, אמת.

שכן. ניין, ס׳איז ניט קיין פאַבריק –, דאָ שפּראָצט אַ תּפיסה –, לאָז אָפּ – כ׳וויל צו דער אַרבעט –

באַכטיגער גאַסט האַלט אים צו. איך פיר דיך צו דער אַרבעט – וואָס דו און דיינסגלייכן מוזט אויפטון., טו אויס די ברילן פון אַ גאנץ יאָר, און לערן זיך זעהן:, מ׳האָט אָנגעטון דעם הויז אַ קליידל פון באַלעט,, ווייל ס׳האָט זיך שטאַרק געשעמט –, אין פלוג מיינסטו מיט שמחה, אַהאַ, דאָ בליט דאָך גאָר אַ תּפיסה –, שטרענג אָן די אויגן!, מיר זייַנ׳ שוין דאָ!, דו זעהסט דעם שילד? דו ציטערסט – לאָמיך דיר איבערלייענען – איך נאַר דיך ניט:, די גרויסע פאַבריק!

חושך.

אין משך פון מינוטן האמערן מאשינעס, עס רוישן ווירבלענדיגע רעדער, עס שיפּען גליענדיג־פליסיגע שטראמען מעטאל.

דאָס ניינטע בילד·

הינטערשטער פּלאַן· **טויט און תחית־המתים·** אונטערשטער גאָרן פון א תפיסה (פון דער גרויסער פאבריק)· אין די גאנגען — אינ־דרייען פארריגלטע טירן פון די קאמערן· די שווינדל־טרעפּן, וואס פירן ארויף אין די אייבערשטע גאָרנס, האבן א קוואדראטישע שאכטע, כדי מען זאל בעסער קאנען זעהן, וואס עס טוט זיך אונטן· אויף דעם צעמענטענעם ברוק אונטער דער שאכטע ליגט א געפאנגענער (פרידריכס פּנים), דעם קאפּ פארווארפען אויף צוריק, די אָרעמס אויסגעצויגן, גלייך ווי צוגע־שלאגן צו א צלם· די ניט־בארופענע ריכטער, אין שווארצע מאנטלען און מיט שארבנס פון מתים, לויפן פארביי אין איילעניש·

די ריכטער· אָנווארפנדיג אן אימה· **די פּרטים פון פארברעך! די פאַקטן!**

געפאנגענער גיט א שיפּע ··· גרילצנדיגע טענער ··· אָטעמט שווער· א שומר מיט אן אויפזעהער גייען אראפּ פון די טרעפּ·

שומר· איך בין ניט שולדיג — / כ׳האָב אים געוואָלט אַראָפּפירן, / ווי איר האָט מיר געהייסן, / צו זיין פרוי· וואָס האָט דערלויבעניש מיט אים צו זעהן זיך·

שומר און אויפזעהער לויפן צום געפאנגענעם, עסק׳ן זיך ארום אים, גיבן א ריס אויף דעם קנאפּ·

אויפזעהער· ער אָטעמט נאָך·

שומר· איך האָב געוואוסט, ער איז אַ רשע· / ער האָט פאַרלאַנגט, אַ מענטש, וואָס פאַסט אים ניט, זאָל שטאַרבן· / ער האָט אין יענעם חלום די אַלטיטשקע דער׳הרג׳עט, / איצט הרג׳עט ער נאָך זיך אַליין· / ער האָט מיט זינדיגקייט צוויי מאָל פאַרשוועכט / דעם קריסטליכן געבאָט פון אונזער קירך· /

אויפזעהער· אויב עמיצער וויל זיך אַראָפּוואַרפן, / דאַרף מען אים נאָך אַ שטופּ טון·

די ניט־בארופענע ריכטער לויפן פארביי אין איילעניש·

ריכטער· מיט חוזק· **די פאַקטן פון פארברעך! / די פאַקטן!**

געפאנגענער· כליפּעט, קלאָגט·

שומר. גאָט מיט אונז!... / אַזוי שרײַט דען אַ מענטש?

אויפזעהער. דער טייוול האָט געשריגן.

געפאנגענער. *לאזט ארויס פון מויל געשרייען. באשולדיגונגען. זיי עגבער זיך איין אין די טירן פון די קאמערן. די שלעסער פלאצן. די טירן פראלן אויף.*

ביי די ארייגאנגען שטייען מיט אראפגעלאזענע הענט די געפאנגענע. זייערע אויגן זיינען געווענדט מיט דבקות אויף אויבן ארויף.

געפאנגענער. *הייבט אָן שטיל, דערנאָך אַלץ העכער און העכער.* אַ שווי־דער איז באַהאַלטן אין די תפיסה־ווענט — / וואוהין איך גיב אַ קוק — רק זומפּן אָהן אַ ברעג, / נאָר גרויע זומפּן, / רק די גרויע זומפּן. / אין לאַנגע בין־השמשות׳דיגע שעה׳ן / זייב׳ ווערים געקראָכן פון די אייזערנע גראַטעס. / אין אָנהייב האָב איך זיך געשטעלט אנט־קעגן — נאָר דאַן — איך בין געווען צו שוואַך... / גרויע ווערים געצופּט מיין לייב.

די געפאנגענע ביי די טירן פון די קאמערן. הערט זיך איין! פאַראייניגט זיינען מיר אין פּיין. / אַ שווידער איז באַהאַלטן אין די תפיסה־ווענט... / רק זומפּן אָהן אַ ברעג.

געפאנגענער. איינמאָל האָב איך דערזעהען רויטע בלומען / איך גיב אַ כאַפּ — / עס איז מיין אייגן האַרץ — / און ווען איך האָב עס שטום אין האַנט גענומען / איז עס געווען צעפרעסן פון די גרויע ווערים. / האָב איך אויך געפרעסן מיט זיי.

די געפאנגענע. הערט... / פאַראייניגט זיינען מיר אין פּיין. / איינמאָל האָבן מיר דערזעהען רויטע בלומען / ווי זיס האָט זי אונז אויסגעוויזן, די רויטע בלום... עס איז געווען דאָס אייגענע האַרץ — / און ווען מיר האָבן עס שטום אין האַנט גענומען / איז עס געווען צעפרעסן פון די גרויע ווערים. / האָבן מיר אויך געפרעסן מיט זיי.

געפאנגענער. איך האָב אַראָפּגעקוקט אין טרעפּן־לאָך / האָב איך דערזעהן אַ גרונט / האָב איך דערזעהן אַ ברעג — .

אויפזעהער. און אינעווייניג וואַרט דאָך אייער פרוי — .

געפאנגענער. וואַרט מיין פרוי...

שומר· דו האָסט פאַרשוועכט דעם קריסטליכן געבאָט· / טו תשובה פאַרן טויט·

געפאנגענער· וואָס ווייסטו· ברודער··· / דאָס איז דאָך אַזוי ווייט פון גוטס און שלעכטס / פון פליכטן און געבאָט··· / פון תשובה און פון שטראָף אויף יענער וועלט· / איך האָב געהערט אַ קול: / מען האָט אייך פאַלש געלערנט· / ניט רוימער האָבן אים צום קרייץ גענאָגלט· / ער האָט אַליין געקרייצט זיך·

די געפאנגענע· מיר ווייסן דאָס··· / גאַנץ לאַנג שוין· ווי מיר ווייסן··· / ער האָט אַליין געקרייצט זיך·

אויפזעהער· האָט אין זינען אייער פרוי! איך דאַרף דאָך איר דאָס איבערגעבן··· קיין תענוג איז דאָס ניט! / וואָס פאַר אַן אַר־בעט טו איך· / איך מענטשן־היטער!

געפאנגענער· איך האָב אין זין די פרוי· / און אויך דאָס קינד· וואָס זי טראָגט אין איר ווייטאָגפולן לייב / דער ליכטיגקייט אַנט־קעגן· / דאָס קינד פון מיר··· / די איינציגע שולד איז דאָס· / וואָס זי באַנייט זיך תמיד: / מיר זיינ׳ אַליין געגאַנגען שמאַרצהאַפטיגע סטאַנציעס / און שיקן קינדער אין דער וועלט אַרויס / געקרייצט צו ווערן פונקט ווי מיר···

פון אַ טיר אין הינטערגרונד רייסט זיך אַריין אַ שוואַנגערע פרוי· גיט אַ געשריי··· וואַרפט זיך אויפן מאַן·

פרוי· אוי· פאַרוואָס האָסטו געטון דאָס! איך האָב אויף דיר געוואַרט···

געפאנגענער· דאָס איז אַ טיפע פיין· / עס שטייען מענטשן וואַרטנדיג אויף אונז — און מיר צעברעכן לעצטע בריק· / מיר שטופן נאַכט אויף יעדער שטעג· / וואָס פירט מיט גוטסקייט אונז צו זיי· / מיר וואַנדערן ווייטער··· / מיר ווייסן· אַז זיי וואַרטן / און וואַנדערן ווייטער··· יאָ· מיר וואַנדערן ווייטער מיט אַ חוזק··· / אויב מיר וואַרטן אַליין אויף זיך·

פרוי· דאָס קינד··· / דיין קינד האָט ניט געהאַט ביי דיר קיין ווערדע?

געפאַנגענער׳ אַ גרויסע ווערדע ··· / נאָר מיין שולדיגקייט אַנטקעגען אים / האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַן אָפּגרונט אַ פאַר־דאַרטן, / פאַרדאַרט פון יענער צייט׳ ווען מענטשן האָבן / גלייך ווי צעמישטע זיך אַ הייב געטון / און אָנגעהויבן מאָרדן זיך מיט שנאה׳ / פון אונז קאָן פאַרן קינד / אַם־ווינציגסטן אַרויסוואַקסן ישועה··· הילפלאָזע קוקן מיר אויף זייער ליידנס־וועג···

שומר׳ ער לעסטערט··· / היייליגע גאָטס מוטער׳ פאַרגיב אים׳

געפאַנגענער׳ זי איז אויך הילפלאָזע׳ / לייגט אַ ציטערדיג פאַרגעבן׳ / וועט תמיד קלאָגן אויף איר זון׳ און ווייל זי טוט דאָס׳ / נאָר דעריבער איז זי ריין און אומבאַפלעקט׳

פרוי׳ וואָס איז מיר איצט דאָס לעבן··· / איך טו זיך אָן אַ מעשה·· און דעם קינד··· / צו וואָס נאָך לענגער ? / צו וואָס ?

געפאַנגענער׳ צו וואָס ? / קום נעהענטער׳ וועל איך דיר זאָגן׳ / אפשר געקרייצט וועט עס באַפרייען זיך׳ / פון זיינע וואונדן וואַקסן העלע כוחות׳ / אפשר געקרייצט׳ וועט עס דערלייזן׳ /צו פרייהייט אויפשטיין פונדאָסניי׳

די געפאַנגענע׳ ברודער׳ דיינע ווערטער ווייזן וועגן׳ / גע־קרייצטע לאָמיר זיך באַפרייען׳ / געקרייצטע לאָמיר זיך דערלייזן׳ / צו פרייהייט אויפשטיין פונדאָסניי׳

געפאַנגענער׳ פרוי··· מוטער׳

דער געפאַנגענער שטאַרבט׳

אויפזעהער׳ קומט׳ ער איז אויסגעלייזט׳

שומר׳ אַ זינד האָט ער אויף זיך גענומען׳

די געפאַנגענע׳ פון זינד האָט ער זיך איצט באפרייט׳ / צו שוואַך׳ זיך אויסצולייזן׳

פרוי׳ גיט אַ געשריי׳ מאַן···

פרוי וואַרפט זיך אין ווייענישׁ׳

פרוי׳ איך קאָן ניט··· / דאָס קינד··· / דאָס קינד···

שווייגן׳

א זאנפטער ניגון וויגט זיך·
די געפאנגענע גייען ארויס פון זייערע קאמערן — שטעלן זיך אויס אין א האלבע ראָד ארום דער פרוי, באלויכטן פון דער זונען־שיין·

די געפאנגנע· אַ קינד· / וואָס פאַר אַ צייט··· / מיר האָבן ניט געהערט קיין קינדערשן געלעכטער··· / וואָס פאַר אַ צייט··· / זינט מיר האָבן מיט קינדער זיך געשפילט·

די געפאנגענע קוקן מיט יראת־הכבוד אויף דער פרוי, וואס שטרעקט אויס צו זיי דאס קינד· איר פנים איז צעקנייטשט פון ווייטאג· ארום איר שפילן פריילעכע ליכט·

דער סופיט פורימט זיך אויס אין אומענדליכן הימל·

עס ווערט פינסטער·

ד אָ ס צ ע ה נ ט ע ב י ל ד·

הינטערשטער פלאן· **דער וואנדערער·** א גערדיכטער נעפל· מען קאן דער־קענען א ברייטן שליאך· פונם גראָבן, וואס ביים ראנד, הייבט זיך אויף א וואנדערער פרידריכס פנים)·

דער וואנדערער· מיר דוכט, אַז היינט / האָב איך דאָס ער־שטע מאָל זיך אויפגעכאַפּט· / ווי איך וואָלט אָפּגערוקט דעם שווערן קבר־שטיין / און אויפגעשטאַנען פון־דאָס־ניי· / דאָס ערד־געפאַנגע־נע געפעס צעברעכט זיך· / דער ריכטער ווערט באַשולדיגטער, / באַשולדיגטער ווערט ריכטער· / און ביידע געבן זיך די בלוט־באַ־פלעקטע הענט און זיינען מוחל· / און ביידע טוען אויס פון זיך, ווי דערנער־קרוינען, / די ווערדע זייערע, די שאַנד· / דער מאָרגן גייט / דער נעפל שפּאַלט זיך· / איך ווייס דעם וועג צום פּלאַץ פון אַר־בעט, / איצט ווייס איך·

עס ווערט פינסטער·

ד אָ ס ע ל פ ט ע ב י ל ד·

פאדערשטער פלאן· אָוונט· פאלקס־פארזאמלונג· דער זאל איז באצירט אויפן פאטריאטישן שטייגער, מיט שקר׳דיגע קריגס־בילדער און בונטע פאפירענע בלומען·

פארזיצער· דער אַלטער הער מיטן זשעטאָן האָבן דאָס וואָרט·

דער אַלטער הער גייט ארויף אויף דער טריבונע·

אַלטער הער. יאָ, דענסטמאָל, בעת אונזערע זיג־געקרוינטע ברידער האָבן זיך געריסן פון איין זיג צום צווייטן, בעת די ווילדע זיינען געלאָפן פאַר אונז, ווי געשלאָגענע הינט, בעת איין אויסגעשריי האָט זיך געהערט אין גאַנצן לאַנד: אַוועק מיט דער באַנדע!

פרידריך גייט אַריין אין זאַל.

יאָ, דאָס איז געווען די גרויסע, די פּרעכטיגע צייט. און היינט יאָמערט איר: ברויט. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דאָס שטיקל ברויט. אויב איר ווילט אַרבעטן, איז פאַראַן אַרבעט, און צי איר עסט קאַרטאָפל אָדער געבראָטנס, דאָס איז דאָך סוף־כל־סוף אַלץ איינס.

דאָס פאָלק איז אומצופרידן.

איר האָט שוין פאַרגעסן די העלדישע אויפטוען פאַר אונזער פאָטער־לאַנד און דאָס בלוט פ ו ן די גבורים?

עמיצער גיט אַ געשריי. צי זיינען מיר ווינציגער גבורים דערפאַר וואָס מיר לעבן?

דער אַלטער הער גייט אַראָפּ פון דער טריבונע.

פאַרזיצער. דער הער פּראָפעסאָר האָבן דאָס וואָרט.

פּראָפעסאָר גייט אַרויס אויף דער טריבונע.

פּראָפעסאָר. און איך, אַ באַשיידענער פאָרשטייער פון יענער וויסנשאַפט, וואָס האָט אַמאָל באַקומען פון דער הויכער קירך דעם נאָמען „אַנצילאַ עקלעזיע”, די דינסטמויד פון דער קירך, און היינט איז אונזער וויסנשאַפט שטאָלץ, וואָס זי האָט זוכה געווען צו זיין די דינסטמויד פון אונזער מלוכה, וואָס זי איז דער אמת און די לעצטע דערקענטעניש, וואָרים דערין געפינט זי איר קאָנקרעטן און אַבסטראַקטן שכר. נו, און איך, אַ באַשיידענער דינער פון דער וויסנשאַפט, איך וואָלט געוואָלט מסכים זיין מיטן געערטן פריערדיגן רעדנער. ניט קיין ברויט באַדאַרפן מיר, נאָר וויסנשאַפט, בילדונג. גייט, לערנט זיך אויס באַנעמען סיבות׳דיגע פאַרבינדונגען, אַסאָ־ציאַציעס פון פאַרשיידענע ערשיינונגען!... די וויסנשאַפט, וואָס איך לערן, איז פול מיט הייליגער ערנסטקייט. זי העלפט אויפהאַלטן די מלוכה. זי איז די אַפּאָלאָגיע פון דעם דאָזיגן שלימות׳דיגסטן עטישן אָרגאַניזם.

דאָס פאָלק איז שטאַרק אומצופרידן. דער פּראָפעסאָר גייט אַראָפּ פון דער טריבונע.

פאַרזיצער. דער הויך־געשעצטער הער גייסטליכער האָבן דאָס וואָרט.

דער גייסטליכער גייט אַרויס אויף דער טריבונע.

גייסטליכער. ברידער און קריסטוסן. לאָמיך ריידן צו אייך קריסטן. פונקט ווי אונזער דערלייזער האָט אַמאָל געזאָגט: „ניט דעם שלום האָב איך אייך געבראַכט צו טראָגן, נאָר די שווערד", אַזוי וועל איך אויך זאָגן: ניט קיין לעבליכע רייד האָב איך אייך געבראַכט צו טראָגן, נאָר דעם אייזערנעם אמת. בעת איר האָט געקעמפט מיט די ווילדע, האָב איך געפּריידיגט: שלאָגט דעם שונא מיט אַלע אייערע כלי־זיין, מיט גיפטיגע גאַזן און פלאַמען־וואַרפער, מיט טונקשיפן און מיטן כח פון הונגער.... און גאָט האָט באַוויליגט אייערע מעשים, ווארים גאָט דער אַלמעכטיגער איז געווען מיט אונז און האָט געשיקט דעם מלאך, וואָס איז געגאַנגען פאָראויס מיט דער בלוטיגער שווערד און געשניטן די רייען פונם שונא. געדענקט יענע גרויסע טעג און פאַרגעסט אין אייערע קליינע דאגות. דערמאָנט זיך אין יענעם, וואָס איז געשטאָרבן אויפן קרייץ.

דאָס פאָלק. אַראָפּ דעם גלח! / אַרויס די רייכע! / מיר הונגערן, מיר הונגערן.

פאַרזיצער. *קלינגט.* דער הער דאָקטאָר האָט דאָס וואָרט.

דער משרת פון טאָג גייט אַרויס אויף דער טריבונע.

משרת פון טאָג. גערעכט זייט איר, ברידער! וואָס קומט אונז אַרויס פון די פּאַטריאָטן? וואָס קומט אונז אַרויס פון די פּראָפּעסאָרן? וואָס קומט אונז אַרויס פון די גלחים? יעזוס איז געוואָרן אַ פאַמיליע־גאָט ביי די רייכע. מיר דאַרפן אים שוין מער ניט האָבן. ברויט דאַרפן מיר האָבן. געלט דאַרפן מיר האָבן. מיר דאַרפן באַצווינגען די נאַרישקייט און אַוועקזעצן אויף איר אָרט דעם שכל, דאָס הייסט אייך, די מאַסע. לאָמיר נאָר אָקאָרשט פונאַנדערגלידערן, וואס די לייטלעך האָבן דאָ געזאָגט: „מ ל ו כ ה" איז אַנייער אויסדריק פאַר פאָטערלאַנד. דאָס איז אַ ליגן. דאָס איז אַ באַגריף, וואָס זיין יסוד זיינען עטליכע טויזנט קוואַדראַט־קילאָ־

מעטער. אַ פּאָר שפּראַכן, פון וועלכע איינע איז דערלויבט, און די אַנדערע — אונטערגעדריקט. און אַ סך ברעטלעך, אויף וועלכע ס'שטייט געשריבן: „פאַרוועגט”. דאָס הייסט: דערלויבט פאַר די רייכע, פאַרווערט פאַר די אָרימע. און שטײַערן איז דער טייטש: באַגרעניצט פאַר די רייכע, אומבאַגרעניצט פאַר די אָרימע. און אויב פאַר די רייכע קלעקט נאָך אַלץ ניט קיין פּאַלאַצן און זיי פאַרלאַנגען צו האָבן משונה'דיגע פיינע ווילעס, גיבן זיי אַ זאָג: צום טייוול; מיר'ן מאַכן מלחמה. זעצן זיך אַוועק, טעלעפאָנירן אַריין אַ פּאָר שקרים אין דער וועלט, לאָזן דערקלערן מלחמה. גרינדן פאַראייגען, כדי צו העלפן די אָרימע פאַרוואונדעטע — אַ פּאָר מער צי ווינציגער שפּילט ניט קיין ראָליע — כדי אויף אַזאַ אופן צו שטעלן אַ דענקמאָל די טויטע. „געשאַנק פונם הער געהיימען ראָטמאַן”. דאָס איז די מלוכה. איצטער נומער צוויי. „ו ו י ס נ ש אַ פ ט”. דאָס קאָן מען אָפּ'פּטר'ן בקיצור. אין דעם יאָר איז געווען דאָס, אין יענעם יאָר איז געווען יענץ. און אַזוי ווייטער. אַ ביסל מליצה — און עס איז עפּעס. נאָך אַ חכמה: ווי אַזוי צו פאַרדרייען דאָס פּשוט'ע, דערצו דאַרף מען האָבן אַ לעקסיקאָן, וואָס מען לערנט אויס אויף אויסווייניג. לעקסיקאָן פון עטליכע טויזנט פרעמדע ווערטער, צונויפגעשטעלט אין זאַצן — און דאָס פּשוט'ע, נאַטירליכע, ריכטיגע איז געוואָרן קאָמפּליצירט, און מען האָט אָפּגענאַרט דעם געזונטן מענשליכן שכל, ד״ה אייך. אגב איז זי נאָך: די דינסט־מויד פון דער מלוכה. פון דער מלוכה, וואָס איך האָב אייך געוויזן. די דינסט־מויד האָב איך אייך באַשריבן, די מלוכה האָב איך אייך אויך באַשריבן, ביידע אינאיינעם זיינען דאָס דער נומער צוויי: „וויסנשאַפט”. בלייבט נאָר איבער נומער דריי: „קירך און גלחים”. זאָל איך נאָך צעגלידערן דאָס אויך?

פאַלק. אַראָפּ די גלחים!

משרת פון טאג. כ'האָב געוואוסט. איז וואָס דאַרפן מיר טון? אַוועקזעצן אויפן טראָן דעם געזונטן מענשליכן שכל, רעפּרעזענטירט דורך דער מאַסע. אויף אַזאַ אופן באַקומט איר ברויט און

וואוילטאָג און אַרבעט און רעכט. וואָס דאַרפן מיר טון? אַראָפּ־וואַרפן די נאַרישקייט פון טראָן, און דערביבער פריידיג איך צו אייך: צעשטערט די פּאַלאַצן! אָ, איך זעה אייך; אַלע אָנגעקליבע־נע כוחות פריי, גראַנדיעזע בילדער פון קאַמף. מענער הייבן די פאָן פון פרייהייט! פרויען האַלזן און קושן אייך הייס! מאַסן כוואַליען! שאָסן הערן זיך! איך וועל אייך שרייבן צו דעם שירים און פּאַמפלעטן, וואָס זיינען בלוטיגע מעשים. מיינע זשור־נאַלן וועלן אייך באַלייטן מיט הילכיגע קלאַנגען פון אַ טרומייט! בלוט גיסט זיך! בלוט פון פרייהייט! איך זאָג: מ אַ ר ש י ר ט, מ אַ ר ש י ר ט!

פאלק. יאָ, מיר וועלן מאַרשירן! / מיר הונגערן, מיר הונגערן. / מיר וועלן מארשירן! / ברויט! ברויט! ברויט!

פארזיצער. קלינגט שטארק מיטן גלעקל. איינער פרידריך האָט דאָס וואָרט.

פרידריך שטופּט זיך דורכן פאלק אויף דער טריבונע ארויף.

פרידריך. וואַרט צו, ברידער! איך ווייס, אַז איר דאַרפט ברויט. איך ווייס, אַז די נויט פרעסט אייערע לייבער. איך ווייס אייער דלות, איך ווייס פון אייערע אָרימע, שטינקעדיגע קאַמערן, כ'ווייס אייער באַדריקטקייט און אייער בליק פון פאַרשטויסענע. און פון אייער שנאה ווייס איך אויך. — און פונדעסטוועגן שריי איך אויס: וואַרט צו, ווייל איך האָב אייך ליב.

פאלק. בלייבט, הערט זיך איין. /ער איז גערעכט. / ער האָט אונז ליב.

פרידריך. איך פאַרשטיי אייער טיפן עקל קעגן די, וואָס האָבן דאָס געטליכע געשענדט. נאָר איך וואָרן אייך פאַר די ווערטער פונם מענטשן, וואָס האָט דאָ אויסגעשריען: מאַרשירט! כ'וואָרן אייך פאַר די האַלבע אמת'ן, וואָס שעמערירן אין זיינע ריידן. ער האָט אייך געוואָלט געבן צו פאַרשטיין דעם מהות פון וויסנשאַפטלער און פילאָזאָפן, אָבער ער האָט דאָך אייך נאָר געשילדערט די, וואָס האָבן גערעדט פאַר אייך. נאָר די דאַזיגע זיינען געווען קאַטערינקע-דרייער, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער פראָפעסיע, ווי די אַלפאָנסן.

איר קענט אים? נעכטן האָט ער געשריען: אָפּזונדערן זיך פון פאָלק! היינט שרייט ער: דאָס פאָלק איז גאָט! און מאָרגן וועט ער זאָגן: גאָט איז אַ מאַשין. דעריבער איז דאָס פאָלק אַ מאַשין. ער וועט זיך פונדעסטוועגן פרייען מיט די וואָגלענדיגע הייבערס, מיט די ווירבלענדיגע רעדער, מיט די שוועבנדיגע האַמערס. אָבער פאָלק איז פאַר אים מאַסע. וואָרים ער הייבט ניט אָן צו וויסן עפּעס פון פאָלק. גלייבט אים ניט, וואָרים ער האָט ניט קיין גלויבן אין זיך, אינם מענטש. און איך וויל, אַז איר זאָלט פריער פאַרמאָגן דעם גלויבן אין מענטש, איידער איר נעמט מאַרשירן. און איך וויל, איר זאָלט ליידן נויט, אויב איר פאַרמאָגט דעם גלויבן ניט.

פאלק. ער וויל, מיר זאָלן ליידן נויט! / אַראָפּ מיט אים! / נידער! / מיר וועלן מאַרשירן! / מיר זיינען הונגעריג! / הערט זיך איין אין זיינע רייד! / הערט זיך איין אין זיינע רייד!

פרידריך. ניט וועגן דער נויט פון קערפּער רייד איך, ברידער מיינע. איך וויל ניט, איר זאָלט נאָך ווייטער ליידן הונגער. אָבער זייט וויסן, אַז אָנעסן זיך צו־זאַט איז נאָך ניט אַלץ. איך האָב אייך געוואונטשן זאַטקייט און כ׳האָב אייך געוואונשן נשמה־נויט. — פון דער ליבע וועגן, וואָס פאַרבינדט אונז אַלעמען. איך וויל ניט, איר זאָלט זיין אביונים, וואָס שטילן זייער הונגער. בעלי־תאווה׳ס, וואָס רייסן פון די הענט. איך וויל, איר זאָלט זיין רייך, אָנגעפילט מיט לעבן. איך וועל קעמפן אינאיינעם מיט אייך קעגן אָרעמקייט און דחקות, באַלד מאָרגן... אָבער וואַרט צו, נאָך איין טאָג, וואַרט ביז האַלבן טאָג. קומט אויפן מאַרק־פּלאַץ, דאָרטן וועל איךריידן צו אייך.

שטארקער טומל אין פאלק.

ארבעטער. איך מיין, מיר האָבן געהונגערט אַזוי לאַנג, קאָנען מיר הונגערן נאָך אַ טאָג.

פאלק. יאָ וואַרטן! / ניין, ניין ניט וואַרטן! / מיר זיינען הונגעריג! / מיר זיינען הונגעריג! / פאָרט וואַרטן! / מיר וועלן וואַרטן!

פאלק גייט ארויס. עס בלייבן איבער יונגעלייט. א סטודענט גייט צו צו פרידריכן.

סטודענט· וואָס טויג אונז בילדונג, אַז מען פּייניגט דעם גייסט? וואָס טויג אונז אונזער שׂכל, אַז ער ברענגט אונז יסורים? דו זיי אונזער פירער·

פרידריך· בייגאַנד לאָמיר שפּרייזן!

סטודענטין גייט צו צו פרידריכן·

סטודענטין· פון דער ליבע וועגן זיי אונזער פירער: כּדי די ליבע זאָל פונדאָסנײַ פליִצן דורך די מענשן· מיר ווילן מער קיין קינדער ניט געווינען, איידער די ליבע וועט אונז אַרומנעמען מיט שטראַלנדיגע הענט· דו זיי אונזער פירער!

פרידריך· איצט עפנט זיך, געבוירן פונם וועלטן־טראַכט, / דער הויך־געוועלבטער טויער פונם מענטשהייטס־היכל· / עס שפּרייזט דער יונגער דור פון אַלע פעלקער פלאַמענדיג / צום לייכטנדיגן אָרון־קודש פון קרישטאָל, / גרויסמעכטיג זעה איך שטראַליגע חזיונות / קיין דלות מער, ניט קריג, ניט שׂנאה, / די מוטערס קראַנצן זייערע העלע יונגלעך / צום ליכטיגן און צום געבענטשטן טאַנץ· / דו יוגנד, שפּרייז, געווינענדיג זיך אייביג / און אייביג דאָס פאַרגליווערטע צעשטערנדיג, / און שאַף אַ לעבן, גליִענדיג פון גייסט·

די יונגעלייט נעמען זיך ביי די הענט אין גייען ארויס זאלבענאנד צי זאלבעדריט· דער זאל איז איצט האלבטונקל·: ווען פרידריך וויל אוועקגיין, גייט ארויס פון א ווינקל די סטודענטין·

סטודענטין· דו, מיינע ליפּן פורימען זיך אין פאַרלאַנגען· מיין האַרץ יאָגט גליִענדיגע שטראָמען··· דו··· איך וועל דיר דינען··· לאָז אָפּ די אַנדערע, דו פאַרגוואַלדיגסט זיי דאָך··· פאַרגוואַלדיגסט זיי צום גוטן··· איך וועל דיר דינען·

פרידריך· דין דעם גייסט, דין צו דיין גאָט·

סטודענטין· אַ שוידער נעמט מיך אַרום פאַר אים, אַ קילקייט ווייט פון אים·

פרידריך· פלאַמיגע ימ׳ען!

סטודענטין· זיי פאַרברענען מיך, אָבער דו — — דיך האָב

איך ליב· דיר וועל איך זיך איבערגעבן, נעם מיך אַרום· נעם···
מיינע הייסע ברוסטן··· מיין שויס קרעכצט··· איך בענק נאָך
דיינע אָרעמס··· גיב מיר אַ קינד···

פרידריך· איך וויל ניט דיינע אָרעמס··· איך האָב דען יעדערן
געגעבן אַ רעכט אויף מיין קערפּער?

סטודענטין גייט ארויס פאמעליך, מיט אן אראפגעלאזטן קאפ·

פרידריך· אָרימע פרוי! ניט אויסגעלייזטע·

א מענטש מיט א הויך אויפגעהויבענעם מאנטל-קאלנער פאלט אריין אויף גיך אין זאל·

מענטש· איך האָב אייך פיינט.

פרידריך· און איך רוף דיך ברודער·

מענטש· איך האָב אייך פיינט· איך ווייס· ווער איר זייט· מיינט
ניט· אַז איך האָב א טעות· איך זעה אייך דורך און דורך· איר
זייט דער, וועמען איך האָב געזעהן אין מיין קאַמער, אין איינזאַמע
נעכט· פאַרוואָס ווערט איר ניט קיין מאָנאַך? לאָזט צורו די מענשן·
וואָס גייט איר צום המון? איר שענדט גאָט·

פרידריך· איך הייליג אים·

מענטש· ארויסלויפנדיג· איך האָב אייך פיינט!

פרידריך· ברודער, דו נאַרסט זיך אַליין·

די סצענע פארמאכט זיך·

זעקסטע סטאַנציע·

דאָס צוועלפטע בילד·

הינטערשטער פּלאַן· די באַרג־שטייגער· שאַרפע פעלזן־וואַנט· וואָס פירט אַרויף צו אַ שמאָלן באַרג־רוקן· צווי מענטשן קריכן אויף דער פעלזן־וואַנט אַרויף·

צווייטער באַרג־שטייגער· פּנים פון פריינד· וואַרט צו· מיר שווינדלט אין די אויגן·

ערשטער באַרג־שטייגער· פרידריכ׳ס פּנים· קום צו זיך· אָט באַלד זיינען מיר אויבן·

צווייטער באַרג־שטייגער· דער באַרג־רוקן איז שמאָל· / מיר וועלן אַראָפּפאַלן צוריק אין פריערדיגן תהום·

ערשטער באַרג־שטייגער· קאָן זיין· נאָך אין אַ טיפערן / וואָס מאַכט דאָס אויס! / דער נייער באַרג· / צו וועלכן מיר׳ן שפּעטער גרייכן· / איז העכער נאָך און מער באַשטראַלט מיט ליכט·

צווייטער באַרג־שטייגער· איך בעט דיך· פריינד· זאָל זיין גענוג· / אַ קעלט אַן אייזיגע בלאָזט אויבן·

ערשטער באַרג־שטייגער· דערפאַר וועט גלעטשער־ליכט אַרום אונז טאַנצן·

צווייטער באַרג־שטייגער· די שטילקייט דאָרט הילכט קלאָג פון זיך אַרויס·

ערשטער באַרג־שטייגער· דו הערסט נאָר שאָטנס פונם קבר· / נעם דיין שטריק און בינד זיי צו·

צווייטער בערג־שטייגער· ווי קאָן איך דאַנקען דיר׳ / וואָס דו האָסט מיך פון פעלזן־שפּאַלט באַפרייט׳ / אַז איצטער פירסטו מיך אין פרישן אומגליק·

ערשטער בערג־שטייגער· ניט יעדערער׳ וואָס איז באַפרייט געוואָרן׳ / איז שוין ממילא פריי·

צווייטער בערג־שטייגער· זיי ווען דיך ניט הערן פון דער הייך·

ערשטער בערג־שטייגער· נאָר ניט געדאג׳עט — / די פעלזן האָבן ליב די שטאַרקע שטימען / און שיקן אָפּ דעם ווידער־קול מיט פרייד·

צווייטער בערג־שטייגער· איך וויל ניט ווייטער· —

ערשטער בערג־שטייגער· און איך וויל יאָ·

צווייטער בערג־שטייגער· דו לאָזט מיך ליגן׳ / מיך׳ דעם אַלטן וואַנדער־חבר·

ערשטער בערג־שטייגער· דו לאָזט אַליין זיך ליגן·

צווייטער בערג־שטייגער· פון אונזערע פריינדשאַפט וועגן / בלייב!

ערשטער בערג־שטייגער· פון אונזער פריינדשאַפט וועגן קריכט העכער גיי איך ווייטער·

צווייטער בערג־שטייגער· דו הערסט נאָך דאָרט מיין שטים? / דערמאָן זיך אונזער יוגנד!

ערשטע בערג־שטייגער· דיין שטים ווערט קייקלענדיגער שטיין׳ / וואָס קאָן זיך דאָ ניט איינהאַלטן און קייקלט זיך אַראָפּ· — / די יוגנד גייט פאַר מיר פאָרויס׳ / האַ׳ ווי פלינק זי גייט!

צווייטער בערג־שטייגער· דו ביזט אַוועק צו ווייט שוין׳ / טראַכט וועגן זיך — / כ׳האָב מורא׳ ס׳זאָל מיט דיר ניט טרעפן עפּעס·

ערשטער בערג־שטייגער· דערפאַר׳ ווייל כ׳וויל ניט מיך אַליין פאַרלאָזן כמעט ווי אויבן פאַרלאָז איך דיך··· / זיי געזונט!··

עס ווערט פינסטער·

דאָס דרייצעהנטע בילד.

פּאדערטער פלאַן. האלבער טאג. מארק־פלאַץ. פרידריך קומט, שפּארט זיך צו צום פּאָרטאַל פון קלויסטער.

פרידריך. זון לייכט אויף די דעכער, צערטלט די האַלב־בלינדע פענסטער פון ענגע בוידעם־שטיבלעך. מיין ברוסט ווערט ברייטער.

די מוטער גייט אין טרויער־קליידער איבערן מארק״פלאַץ.

פרידריך. מוטער!

מוטער. קוים וואס זי גיט א קוק. דו האָסט פון מיר ניט געוואָלט וויסן לאַנגע יאָרן, האָט זיך מיר געגומען דוכטן, אַז איך טראָג דיך ווייטער אונטערן האַרצן אַזוי ווי אַמאָל.

פרידריך. מיין גאַנצע ליבשאַפט ברענג איך דיר צו טראָגן. כ׳וואָלט וועלן אַרומנעמען דיך מיט גוטסקייט, קושן דיינע מידיגע קנייטשן.

מוטער. נאָך לעבסטו ניט. דו האָסט פאַרלאָזן דיין משפחה, פאַרפרעמדט זיך פון דיין פאָלק.

פרידריך. איך בין איצט נעהענטער צו אים, ווי יעמאָלט אין דערהיים.

מוטער. צו די פרעמדע באַלאַנגסטו.

פרידריך. צו די פרעמדע, אָבער צו דיר אויך.

מוטער. ווער עס איז מיט די פרעמדע, דער באַלאַנגט ניט צו אונזער פאָלק. אונזער פאָלק איז אַ שטאָלץ פאָלק.

פרידריך. מוטער! דו פילסט דען ניט, ווי די ערד יוירט. ווי די ערד איז געוואָרן איין־און־איינציגער גוואַלדיגער טראַכט, וואָס ווערט צעריסן פון ווייעניש. דערמאַן זיך אין די יסורים, ווען דו האָסט מיך געדאַרפט געווינען, אַזוי וואַרפט זיך היינט די ערד... צערי־סענער, בלוטיגער טראַכט, כדי אויפס־ניי צו געווינען די מענטשהייט.

מוטער. איך בין צו אַלט, מיין לעבענס־מוט איז פאַרלאָשן. איך פאַרשטיי דיך ניט.

פרידריך. באהאלט דעם קאפּ צווישן די הענט. **מוטער!**

מוטער גייט אוועק.

דער פּעטער קומט צו גיין.

פרידריך. ליבער פּעטער!

פּעטער. וואָס איז! האָסט מער קיין געלט ניט? אויף מיר האָסטו זיך ניט וואָס צו פאַרלאָזן. איך קען דיך מער ניט.

פרידריך. איך דאַרף דיין געלט ניט, פּעטער, אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך יאָ קענען.

פּעטער. לאָז געמאַך, צו וואָס? גיב מיר צו פאַרשטיין, דו האָסט פאַרדינט געגנוג, כדי זיך מפרנס צו זיין? ניין, וויל דיינע קליידער זיינען אָפּגעריסן.

פרידריך. פּעטער, דו לייגסט פאַר זיך אַליין.

פּעטער. לייגן? יאָ, איך האָב געמוזט זאָגן ליגנס, דו האָסט מיך גענויט. מיין געשעפט איז שיר ניט באַגראָבן געוואָרן צוליב דיר. אַלע אין איין קול: „אייער שוועסטערס זון אַ רעוואָלוציאָנער". דו האָסט אומגליקליך געמאַכט דיין פאַמיליע.

פרידריך. אויב איך האָב דאָס געטון, האָב איך געמוזט מסתמא.

פּעטער. וואָס שטייסטו צו צו מיר. ווער בין איך און ווער ביזטו.

פרידריך. פּעטער, איך וועל קעמפן קעגן דיר, ווייל איך מוז. אָבער איך קעמף דאָך ניט קעגן דיר, איך קעמף קעגן דער וואַנט פון שקר, קעגן די מחיצות, וואָס זיינען אויסגעבויט אַרום דיר.

פּעטער. איך האָב דאָס פאַרשטאַנען אַפריער, דו פאַררעטער אייגער. דו ווילסט אָנפאַלן אויף דיין אייגן בלוט, אומפאַרשעמטער.

פרידריך. איך האָב שוין לאַנג געמאַכט דעם אָנפאַל, פּעטער.

פּעטער. איך וועל זיין געגרייט.

פּעטער גייט אוועק ווייטער.

דאקטאר קומט צו גיין.

פרידריך. גוט מאָרגן, הער דאָקטאָר, איר געדענקט מיך נאָך?

דאקטאר. אַ יאָ... איר... ע, יאָ, יענץ ניט־אינטערעסאַנטע פּאַלכל יעמאָלט, אָפּשוואַכונג פון די געדערים. נו, וואָס מאַכט איר? אַלץ אין אָרדענונג... פאַרדייאונג אהן שטערענישן?

פרידריך. הער דאָקטאָר, איר גלייבט אינם מענטש?

דאקטאר. נאַרישע פראַגע. זייער אַ תּמ׳עוואַטע פראַגע. איך גלייב, אַז דאָס רוב מענטשן האָבן אַ גוטע פאַרדייאונג. און אויב ניט, דאַרף מען זיי געבן ריצן־אייל, אַ גרויסן לעפל פאַר דערוואַקסענע, אַ קליינעם לעפל פאַר קינדער. נאַרישע פראַגע, זייער אַ תּמע׳וואַטע פראַגע. דעם פרעגער דאַרף מען באַקוקן ווי ס׳געהער צו זיין, — שאַ, איין ווײַלע. — זאָגט „אַ״ — פאַרמאַכט די אויגן — — — פסיכאָז אין אַ הויכער סטאַדיע.

פרידריך. ניט דורך אייער מעדיצין וועט געגעזן ווערן דער מענטש. באַפרייט פון די קויט־גריבער פון פאַר׳עיפּוש׳טע שטעט, וועט ער שפּרייזן גלייך דורך דער אויסגעלייזטער וועלט.

דאקטאר. קומט צו גיין צו מיר. נאָך היינט. איך האָב גע־קויפט אַ סאַנאַטאָריע. אפשר וועט נאָך העלפן אַ וואַסער־קוראַציע. נאָר רעדט זיך ניט איין קיין זאַך; טיפּישער פאַל, וואָס טרעפט זיך אַלע טאָג. היינט נאָכמיטאָג קומט צו גיין, צימער 17, מעלדן זיך ביים שומר.

גייט אוועק אין איילעניש.

דער קראנקער מיטן אומרואיגן בליק רוקט זיך צו

קראנקער. יאָ, איר גלייבט, הייסט עס, קאָנטיג, אויף אַן אמת?

פרידריך. אין וועמען?

קראנקער. איך זיך און בכלל אינם מענטשן, —

פרידריך. איך גלייב אין אים!

קראנקער. כע־כע־כע — און אין ליבע אויך.

פרידריך. איך וויל לעבן די ליבע.

קראנקער. און דאָס אַלץ...

פרידריך. כדי צו באַפרייען די מענטשן.

קראנקער. הייסט עס, ניט נאר כדי אויסצובויען היגיענישע ערטער. וואָס דען? איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד, ליבער הער — איין צייט האָב איך געפּרובט מיט ליבע אויך. כ׳וועל אייך באַלד זאָגן צו וואָס. — כדי איינצואָרדענען היגיענישע ערטער. די ערטער, וואָס ווייזן אונזער גרויסקייט, זייבען נאָך צו טונקל, צו פאַרהוילן. וואָס איז דער תכלית, ווילט איר וויסן. כדי צו ווייזן דער מענטשהייט, אַז די אמתע סגולה פאַר איר איז אַן אַלגעמיינער זעלבסט־מאָרד. איך בין געקומען צום שכל, אַז מיט ליבע וועל איך דאָס ניט דערגרייכן. זי פאַרשלייערט נאָר. איצט פּרוב איך מיט היגיענישע ערטער.

פרידריך. אפשר וועט איר דאָס פאָרלייגן דעם דאָקטאָר?

קראנקער. איך בין געוועזן ביי אים עטליכע מאָל. ער דאַרף ניט האָבן מיינע פּלענער, ער זאָגט, אַז ער האָט זיי שוין דורכגעפירט. אַחוץ דעם, זאָגט ער, בין איך אינגאַנצן געזונט, מיין פאַרדייאונג איז צום בעסטן.

פרידריך. איר ווילט, הייסט עס, אַלע מענטשן זאָלן זיך טייטן?

קראנקער. יאָ!

פרידריך. אויב אַזוי, פאַרוואָס פריידיגט איר ניט מלחמה?

קראנקער. ניין, ניט אַזוי. ניט אַזוי זאָלן זיי זיך טייטן. מיטן גוטן ווילן זאָלן זיי דאָס טון. נו, ווי מיינט איר? מיין עצה איז: באַקלערט זיך נאָך אַ מאָל. בויען היגיענישע ערטער מיטן ציל פון זעלבסט־פאַרניכטונג.

פרידריך. אָרימער מענטש, נעבעך!

קראנקער. איר האָט אויף מיר רחמנות! איר האט... אויף מיר... רח...

פרידריך. דו ביזט קראַנק. פון דיין אינגעווייד גלאָצן טויטע היילן.

קראנקער. ווי אויפכאַפּנדיג זיך, גיט א געשריי. איך קאָן דאָך ניט

גלייבן אין ליבע, רק זונות... רק זונות... קיינמאָל האָט מיך קיינער ניט ליב געהאַט.

לויפט אוועק, טרייסלענדיג כסדר מיטן קאָפּ.

פרידריך. כ׳וועל אים מוזן אויסזוכן, נאָך היינט — איך וועל בעטן מיין מוטער, זי זאָל אַרומגיין אַרום אים... ניין... די סטודענטין.

דאמע, וואָס איז געקומען צו גיין בשעת דער לעצטער סצענע, גייט צו צו פרידריכן, וויגנדיג דעם אויבער־קערפּער.

דאמע. מענטש, וואָס טוט איר... איר זעהט דען טאַקע ניט, אַז ליבע איז אָפּגעטיילט פון גוטסקייט דורך אַ שפּאַלטיגן אָפּגרונט, אַז ליבע פּאַכט תאווה׳דיג, ווי אַ דעמאָנישער רויטהונט, און לאָקערט, גרייט אַ שפּרונג צו טון?... אַז ליבע און גוטסקייט קוקן זיך אָן איינס דאָס אַנדערע, ווי דם־שונאים... כאַכאַ... אייער אויפּטו וועט פּאַרט פּלאַצן, ענטפערט מיר ניט, איך בין אייך מוחל דעם ענטפער, כ׳בין אייך מוחל אייער גוטסקייט... ליבע שמייסט די לייבער מיט אַ בייטש, לאָז מיך מיט מיינע ציינער צערייסן דיין ברוסט ביז בלוט, לאָמיך קושן דיינע שענקלען... דיין גוטסקייט... האַ... ביזט אַ נאַר, אַ געפּייניגטער נאַר, פון דיין גוטסקייט וואָלט איך דערשטיקט ווערן.

פרידריך. און דו?

דאמע. פרוי!

דאמע גייט אוועק.

פרידריך שפּאַרט זיך צו שווייגנדיג צום פּאָרטאַל פון קלויסטער.

די שוועסטער קומט צו גיין.

שוועסטער. דיין אויג איז געוואָרן ליכטיג, פרידריך.

פרידריך. פריינדין.

שוועסטער. ווערסט איצטער פורימען דעם נצחון פון דער מענטשהייט, פרידריך?

פרידריך. וואָס דאַרף מען נאָך דאָ אַ באַזונדער סימבאָל? וואָס דאַרף מען אַ באַווייז? די מענטשן האָבן אים געזעהן אין זיך, די מענטשן וועלן אים זעהן אין אַלע מיינע ווערק.

שוועסטער. דו בלייבסט דאָ?

פרידריך. איך בלייב דאָ און פונדעסטוועגן וועל איך ווייטער וואַנדערן מיין וועג. דורך פאַר׳עיפּוש׳טע גאַסן און איבער מאָן־פעלדער, אויף זוניגע, שנייאיגע בערג־שפּיצן און דורך מדבריות, וויסנדיג, אז איך בין ניט קיין אויסגעוואָרצלטער, וויסנדיג, אַז מיינע וואָרצלען זיינען אין מיר גופא.

שוועסטער. אָט אַזוי מוז מען זיך טייטן און געווינען, כדי צו געפינען די אייגענע וואָרצלען.

פרידריך. דאָס דאָזיגע וויסן איז ניט מער ווי אֵן אָנהייב.

שוועסטער. און וואוהין גייט דער וועג?

פרידריך. צום מענטשן!

שוועסטער. און ווייטער!

פרידריך. ווייטער...? וועגן דעם דאַגה׳ע איך ניט. עס דוכט זיך מיר, אַז איך בין פאַרוואָרצלט אין אַן אומענדליכן ים. ס׳איז אַזוי וואויל, ווען מען ווייס, אַז מען האָט וואָרצלען און פונדעסטוועגן קאָן מען זיך לאָזן טראָגן.

שוועסטער. זיי געזונט, פרידריך, איך וועל אַכט געבן אויף דיין וועג.

שוועסטער גייט אוועק.

פאלק שטראמט פון קלויסטער און פון די גאסן.

פאלק. אָט שטייט ער, דער וואָס וויל ריידן מיט אונז. / ער האָט געזאָגט, מיר זאָלן וואַרטן ביז האַלבן טאָג. / אַצונד מוז ער דאָך ריידן. / מיר האָבן דאָך געוואַרט.

פרידריך. ברידער און שוועסטער! קיין איינעם פון אייך קען איך ניט, און פונדעסטוועגן ווייס איך אייך אַלעמען.

דו קינד גייסט אין קלאַס און אַן אימה פאַלט אָן אויף דיר גייענדיג. דער קלאַס זעהט אויס, גלייך ווי ס׳וואָלט גיין אַ רעגן — און די זון שיינט דאָך גאָר. דער לערער זיצט ביי זיין לערער־טיש, ווי אַ בייזער רוח פון אַ מעשה, וואָס דו האָסט געלייענט בשתיקה.

ער קוקט דיך אָן מיט כעס, ער איז ברוגז, ווייל דו געדענקסט ניט דאָס וואָס ער האָט דיר פֿאַרגעבן. און דיין האַרץ איז דאָך גאָר פֿול מיט אויסטערלישע איבערלעבונגען. דו וואָלסט אים געוואָלט פֿרעגן, נאָר ער גיט אַ געשריי אויף דיר און זאָגט, אַז דו האָסט ניט אויס־געלערנט די געשיכטע פֿון דער רעליגיע און דו ביזט ניט קיין גוטער קריסט.

איך קען דיך, מיידל, מיט די דינינקע ביינדלעך, צאַרט ווי דער מערץ... מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק ביזטו אַרויס פֿון דער שולע מיט אַ פֿריילעך האַרץ, ווייל דו האָסט געמיינט, אַז יוגנט און פֿרייהייט קלינגען מיט הימלשע גלעקער... און איצט שטייסטו אין פֿאַבריק. פֿ ן אין־דער־פֿרי ביז אויף דער נאַכט רוקסטו אָפּ צוריק אַ הייבער. רק דעם זעלביגן הייבער. און דיין אָטעם ווערט שווער אין דער פֿאַרשטיקטער לופֿט און דיינע אויגן גיסן זיך אָן מיט טרערן, ווען דו זעהסט אין דיין גייסט דורך די פֿאַרשטויבטע פֿענסטער אַדורך דאָס ליכט און די פֿרייהייט און בלומען און יוגנד.

איך קען דיך, פֿרוי, פֿאַרהאָרעוועטע און פֿאַרקלעמטע, וואָס דו זיצט אין דער ענגער קאַמער מיט דיינע הונגעריגע, פֿרירנדיגע קינדער און עפֿנסט פֿאַר דיין מאַן די ביינאַכטיגע טיר מיט אַ פֿאַר־דומפּן האַרץ און פֿאַרמאַטערטע הענט.

און פֿון דיר ווייס איך אויך, מאַן, אַז אַ גרויל נעמט דיך אָן ווען דו דאַרפֿסט גיין אַהיים, אין דער שטוב, וואו עס איז אַ שלעכ־טער ריח און דער דלות הויערט און עס אייטערט די קרענק. כ׳ווייס פֿון דיין שנאה קעגן יענע, וועלכע קאָנען זיך אָנעסן צו־זאַט און לאַכן פֿון דיר, ווען דו גייסט אַוועק אין שענק און טרינקסט זיך אָן ווילד, ווילד, כדי קיין זאַך ניט צו טראַכטן מער און ניט צו זעהן. —

איך ווייס פֿון דיר, מיידל, פֿון דיינע נעכט, הייסע פֿון פֿאַרלאַנגען.

איך ווייס פֿון אייך, יונגעלייט, פֿון זוכעניש נאָך גאָט.

פֿון דיר, רייכער, וואָס דו קלייבסט אָן געלט און פֿאַראַכטסט אַלעמען, די אַנדערע און זיך אַליין.

איך קען דיך, פֿרוי, בוים מיט פּירות באַלאָדן, וואָס קיינער

קומט אים ניט שטיצן און וואָס ברעכט זיך איין און ווערט פֿאַר־דאַרט צוליב זיין שפּע.

און דו׳ סאָלדאַט׳ אַרייגעפּרעסט אין געקינצלטן ראָק׳ וואָס מאַכט גליוורען דאָס פֿריילעכע לעבן׳ איך ווייס פֿון דיין בליק׳ וואָס איז נשתּומם געוואָרן׳ בעת דו האָסט געזעהן דעם שפּרייזנדיקן יונג־לינג׳ באַשאַפֿן פֿונעם קינסטלערס האַנט.

פֿאַרוואָס האָט דער קינסטלער אים געקאָנט פֿורימען ? / ווייל ער איז דאָ׳ ווייל ער איז באמת דאָ !

און אַזוי זייט איר אַלע קאַריקאַטורן פֿונעם אמת׳ן מענטשן! / איר פֿאַרמויערטע׳ איר פֿאַרשאָטענע׳ איר געבונדענע׳ איר קייכנדיקע׳ איר פֿאַרביטערטע׳ איר מענטשן אָהן לעבנס־תּענוג / ווייל איר האָט פֿאַרגראָבן דעם גייסט... / גוואַלדיקע מאַשינעס דונערן טאָג און נאַכט׳ / טויזנטער רידלען האַלטן אין איין רירן זיך׳ כּדי אָנצעוואַרפֿן וואָס מער שוט אויפֿן גייסט.

אייערע אייגענע הערצער זיינען אָנגעצויגן אויף שוסטער־שע קלעצלעך. די הערצער פֿון אייערע מיטמענטשן זיינען פֿאַר אייך גלעקלעך׳ וואָס איר קאָנט ציען׳ ווען עס גלוסט זיך אייך. איר וואַרפֿט זיך מיט גלאַנציקע רענדלעך און איר רעדט זיך איין׳ אז דאָס זיינען פֿרילינג־פֿייגעלעך׳ וואָס פֿליען אום אין דער לופֿטן און זינגען שירה.

איר ברוקירט אייערע וועגן מיט רענדלעך און רעדט זיך איין׳ אַז איר גייט אויף לאָנקעס מיט בונטע בלומען באַוואַקסן.

אייערע ליפּן בורבלען פֿאַרגליווערטע געזעצן׳ אייזערנע הייזער׳ צעפּרעסן פֿון זשאַווער.

אייערע הענט בויען אויס מויערן אַרום אייך׳ און איר זאָגט׳ אז אויף יענער זייט זיינען די ווילדע.

איר פֿלאַנצט איין שנאה אין אייערע קינדער׳ ווייל איר ווייסט ניט מער וואָס ליבע איז.

יעזוס קריסטוסן האָט איר אויסגעשניצט פֿון האָלץ און צו־גענאָגלט צו א הילצערנעם קרייץ׳ ווייל איר האָט אליין ניט גע־וואָלט גיין דעם קרייץ־וועג וואָס פֿירט צו דער גאולה...

איר בויט שלעסער און זעצט אַוועק שררות, וואס דינען ניט צו גאָט, ניט צו דער מענטשהייט, נאר צו אַן איינריידעניש, צו אַן אומגליק־ברענגענדיגן איינריידעניש.

און וואָס ווייסט איר פון די קינסטיגע טעמפלען?

פּאַר די געווינערינס און זייערע קינדער בויט איר אויס ענוים־שטיבער, — ווייל איר קאָנט די מלאכה פון פייניגן.

איר פרויען, וואָס געווינט קינדער און ברענגט זיי אַ קרבן צו געצן—פון גלייכגילטיגקייט וועגן צי פון פאַלשן שטאָלץ און פון שקר וועגן — איר זייט מער קיין מוטערס ניט.

איר זייט אַלע געוואָרן אויס מענטשן, איר זייט נאר קאַרי־קאַטורן פון זיך אַליין.

און איר וואָלט דאָך געקאָנט זיין מענטשן, ווען איר זאלט פארמאָגן דעם גלויבן אין זיך און אינם מענטש, ווען דער גייסט וואָלט אין אייך געלעבט —

גלייך וואָלט איר געגאַנגען דורך די גאַסן, און היינט קריכט איר געבויגן אין דרייען —

פריילעך וואָלטן געלויכטן אייערע אויגן, און היינט זיינען זיי האַלב בלינד.

באַפליגלט וואָלט געווען אייער טראָט, און היינט שלעפּט איר אייזערנע קלעצער נאָך זיך.

אָ, ווען איר זאָלט זיין מענטשן — אָהנבאַדינגיגע, פרייע מענטשן.

בשעת דער רעדע איז די באוועגונג אין פאלק געווארן אלץ שטארקער. עטליכע האבן זיך געשטעלט אויף די קני. אנדערע פארגראבן וויינענדיג דעם קאפּ צווישן די הענט. נאך אנדערע ליגן צעבראכענע אויף דער ערד. — איצטער הייבן זיי זיך אויף מיט פרייד. טייל שפרייטן אויס די הענט צום הימל. א יונגלינג גיט זיך א ריס ארויס פון עולם.

יונגלינג. ווי אזוי האָבן מיר דאָס פארגעסן! מיר זיינען דאָך מענטשן!

א פאר פרויען און מיידלעך. שטילערהייט. מיר זיינען דאָך מענטשן!

אלע. *גיבן א געשריי.* מיר זיינען דאָך מענטשן!

אלע. *שטיל, ווי מיט א שמייכל.* מיר זיינען דאָך מענטשן!

שטילקייט.

פרידריך. אצונד׳ ברידער׳ שריי איך אויס צו אייך: מאַרשירט! מאַרשירט ביי דער ליכטיגער שיין! גייט אַוועק צו די מאַכטהאָבער און זאָגט זיי אָן מיט שטימען פון ברויזנדיגע אָרגלען, אַז זייער מאַכט איז אַ פאַרבלענדעניש. גייט אַוועק צו די סאָלדאַטן׳ זיי זאָלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס. גייט אַוועק צו די רייכע און ווייזט זיי זייער האַרץ׳ וואָס איז געוואָרן אַ קופּע אַש. באָר זייט גוט צו זיי. וואָרים זיי זיינען אויך אָרימע׳ פאַרבלאָנדזשעטע. אָבער מאַכט חרוב די שלעסער׳ לאַכעדיגערהייט מאַכט חרוב די פאַלשע שלעסער׳ געבויט פון שוט׳ פון פאַרטריקנטע שוט. מאַרשירט — מאַרשירט ביי דער ליכטיגער שיין! ברידער׳ שטרעקט די צעווייטאָגטע האַנט / פלאַמענדיג־פריילינכער טאָן. / שפּרייז דורך אונזער פרייען לאַנד / רעוואָלוציאָן! רעוואָלוציאָן!

אלע שטייען שוין איצט אויסגעגלייכט, מיט געשטרעקטע הענט.

אלע. ברידער, שטרעקט די צעווייטאָגטע האַנט,
פלאַמענדיג־פריילינכער טאָן!
שפּרייז דורך אונזער פרייען לאַנד
רעוואָלוציאָן! רעוואָלוציאָן!

די סצענע פאַרמאַכט זיך.

שפילן די פיעסע איז ערלויבט
נאָר מיטן בפירושן הסכם פון
פאַרלאַג
Gustav Kiepenheuer,
Potsdam.

געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „יידישן קולטור פאַרלאַג“.
Berlin S. 14 Dresdenerstr. 34/35